STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06540

HAYMVEY

Mendl Goldman Menachem Gan

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה״כמו״

מענדל גאָלדמאַן (מנחם גאָן)

היימווי

(בלעטלעך פון אַ לירישן טאָג־בוך 1941—1965)

ביאַליסטאָק, מיין היימשטאָט,
מיט טיפן יראת הכבוד —
געווידמעט.

אַרויסגעגעבן
דורך אַ גרופּע לאַנדסלייט און פריינט —
פאַרערער פון דיכטער

MENDL GOLDMAN

HEIMVEI

(Homesickness)

Printed by
SHULSINGER BROS., INC.
NEW YORK, N. Y.

אינהאַלט:

עטלעכע ווערטער וועגן מחבר...............................דוד סאָהן 5

אַ ווירדיקע מצבה.................................. יוסף איצקאָוו 9
יידיש-סאָוועטישער דיכטער

צ י ק ל ע ן :

1. פון אַלץ און פון אַלעם.. 11

2. ווייב 29

3. קינד 63

4. היים 81

5. היים און היימלאַנד מיר באַגלייך........................ 117
(פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע)

עטלעכע ווערטער וועגן מחבר

מענדל גאָלדמאַן האָט דעביוטירט אין דער יידישער פּאָעזיע מיט אַ ליד: „נאָכן אָרון", אין דער טעגלעכער פּראָגרעסיווער צייטונג: „דאָס נייע לעבן", וווּ ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון 1921 ביז סעפּטעמבער, 1939.

צו יענער צייט, אין 1921, האָב איך געוויילט אין ביאַ־ליסטאָק, ווי דער סעקרעטאַר פון דעם „ביאַליסטאָקער רע־ליף־קאָמיטעט" אין אַמעריקע, ברענגענדיק הילף דער נויט־ליידנדיקער באַפעלקערונג אין שטאָט.

דאָס ליד, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אונטער דעם פרישן איינדרוק פון פריצייטיקן טויט פון זיין מוטער, האָט געהאַט פאָלגענדיקע 16 שורות, וואָס האָבן זיך מיר טיף איינ־געקריצט אין זכרון, ניט געקוקט, וואָס זינט דאַן זיינען שוין פאַרביי קרוב 45 יאָר:

„טריט נאָך טריט, טריט נאָך טריט,
שפּאַן איך נאָכן אָרון;
עפּעס יאָ, עפּעס ניט,
ס׳טומלט אין זכרון.

אָט געווען, שוין ניטאָ,
טרויעריק און וויציק;
לויפט אַ שעה נאָך אַ שעה,
ראַשיק־שנעל און בליציק.

ה י י מ ו ו י

לייכט די זון און פאַרגייט,
מאָרגן לייכט זי ווידער —
און דאָס ראָד דרייט זיך, דרייט,
ווערט עס גאָרניט מידער.

אויפגעבליט, אָפּגעבליט,
שווינדן ראַש די יאָרן —
טריט נאָך טריט, טריט נאָך טריט,
שפּאַן איך נאָכן אָרון״.

דוכט זיך, פּשוטע ווערטער, אָבער שפּירסט, אַז דאָס זיינען דברים היוצאים מן הלב, און ניט קיין חידוש, וואָס דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר, ראַטנער, האָט אין יאָר 1925 אָנגעשריבן רירנדיקע מוזיק צו דעם דאָזיקן עלעגישן ליד.

זינט דאַמאָלסט האָט מענדל גאָלדמאַן פאַרעפנטלעכט (אַ ריי יאָרן אונטער דעם פּסעוודאָנים: מנחם גאַן) עטלעכע הונדערט לירישע לידער אין דער ביאַליסטאָקער, לאָדזשער, וואַרשעווער יידישער פּרעסע, ווי אויך אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. אין יאָר 1928 האָט זיין ליד „האַרץ־איין, האַרץ־אויס״ (פּסעוודאָנים: „אַ גלגול״) באַקומען די ערשטע פּרעמיע אַף אַן אַלוועלטלעכן לידער־קאָנקורס, אָרגאַניזירט דורכן ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״. דאָס פּרעמירטע ליד, וואָס איז, אַגב, איבערגעדרוקט געוואָרן דורך די „וואַרשעווער ליטעראַרישע בלעטער״, האָט באַקומען אַ רעצענזיע פון ה. לייוויק (וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״).

אונטערן זעלביקן נאָמען: „האַרץ־איין, האַרץ־אויס״, איז, אין אויגוסט 1939, געווען צוגעגרייט צום דרוק אַ באַנד

מענדל גאָלדמאַן

לידער פון מענדל גאָלדמאַן. דער מלחמה־אויסברוך האָט גע־שטערט דאָס דערשיינען פונעם בוך.

אין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ מענדל גאָלדמאַן לעבט די לעצטע 25 יאָר (אין דער הויפט־שטאָט פון אוזבעקיסטאַן: טאַש־קענט), האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָר הונדערט נייע לידער, ווי אויך געמאַכט איבערזעצונגען פון דער סאָוועטישער דיכטונג, ווי גאפור גוליאַמ׳ס באַוווסטע פּאָעמע: „איך בין אַ ייד" (אַן ענטפער היטלער׳ן); יעווטושענקאָ׳ס „באַבי יאַר" און אַ פראַג־מענט פון זיין פּאָעמע „בראַטסקער געס"; אַ ריי לידער פון יוליאַן טובים, פושקין, לערמאָנטאָוו און אַנד.

זיינע ערשטע לידער אַף דער סאָוועטישער ערד זיינען ס׳רוב געווידמעט דער חרובער היים, זיין געבוירן־שטאָט ביאַ־ליסטאָק, וווּ ס׳איז טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן אַ 50 טויזנט־קעפּיקער יידישער קיבוץ, צווישן אים אויך גאָלדמאַנ׳ס פאַר־צווייגטע משפּחה.

אין די טראַגישע יולי־טעג פון 1941, ווען ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דער הימל ליגט אַפן קאָפּ, פאַרענדיקט גאָלדמאַן זיינס אַ ליד מיט פאָלגענדיקע ממש־נביאישע פיר שורות:

היימלאַנד מיינס צעקלעמטע, חרובע און וויסטע,
וואָס געווידמעט דיר איז אָט דאָס טרויער־ליד —
דיינע ווייען, קראַמפן, זיינען ניט אומזיסטע,
וועסט נאָך, היימלאַנד, בליען, ווי נאָך קיינמאָל ניט!

דאָס ליד איז געווען פאַרעפנטלעכט אין ליטעראַרישן זאַמלבוך „צום זיג", אונטער דער רעדאַקציע פון פרץ מאַר־קיש, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1944.

די לידער־זאַמלונג „היימוויי", וואָס איז אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון אַ לירישן טאָג־בוך 1941—1945, פאַרענדיקט

היימוויי

זיך מיט אויסצוגן פון אַ גרעסערער פּאָעמע, געשריבן אין 1965, וואָס קלינגט ווי אַ לויבגעזאַנג פאַר זיין נייער היים, וואָס איז — ווי ער פּירט אויס — „היים און היימלאַנד מיר באַגלייך".

מיר גלויבן, אַז דאָס בוך וועט אַרויסרופן אַ טיפן אָפּקלאַנג צווישן די יידן פון דער גאָרער וועלט, באַזונדערס צווישן די סך ביאַליסטאָקער, וועלכע לעבן אויף אַלע קאָנטינענטן.

דוד סאָהן

אַ ווירדיקע מצבה

...„קיין זאַך הרגעט ניט אַזוי אַוועק פּאָעזיע, ווי די שטרעבונג צו מינערן דאָס טראַגיש־פּער־זענלעכע".
(„סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 12 1965)

די דאָזיקע געפאַר האָט גראָד געמיטן דעם מחבר פון „היימ־ווײ", דעם דיכטער מענדל גאָלדמאַן.

נאָר ניט געקוקט, וואָס דאָס טראַגיש־פּערזענלעכע, דער ווײ פון יחיד, איז בײ אים פאַרשאַרפט ביז דער העכסטער מדרגה, מינערט עס אַבסאָלוט ניט די טראַגיק פון כלל, די טראַגעדיע פון די שוידערלעכע יאָרן, בעת וועלכע ס'זײנען פאַרשניטן געוואָרן מיליאָנען לעבנס פון אונדזערע טאַטע־מאַמעס, פרויען און קינדער.

יעדע שורה אין „היימוויי" איז אויסגעווייטיקט, פול פּײן און האַס, אָבער גלײכצײטיק איז „היימוויי" אויך אַ מין שיר־השירים, אַ לויבגעזאַנג דער ליבע „וואָס שטאַרקער נאָך פון טויט":

„שנאה־וואַנט טײלט בלינד פאַנאַנדער אונדז,
ים פון ליבע שטום פאַראייניקט".

יעדעס ליד אין „היימוויי" איז טיף־ליריש, דורכגעדרונ־גען מיט אַחריות פאַר וואָרט און געדאַנק; ס'איז אַ ווײ־געשרײ פון אַ פאַרפּײניקטער נשמה, פון אַ האַרץ, אַן אָנגעלאָדן מיט צער און צאָרן איבער גורל פון פרוי —

„דו, אײדלסטע פון פרויען,
אין קלעם פון געטאָ־ווענט" —

איבער גורל פון קינד, וואָס

„רייסט זיך ווילד פון הינטער קראַטן־צוים,
נאָר געטאָ־וואַנט,
געצוימט מיט שטעכלדראָט פון ברוינער פעסט,
און ס'בלוטיקט האַנט,
ביים ברעכן טויערן פאַרריגלט פעסט".

דאָס לידער־בוך איז אַ ווירדיקע מצבה אַפן מאַסן־קבר פון דער יידישער ביאַליסטאָק, דער געבוירן־שטאָט פון דיכטער.

און אויב זיין ערשטע היים, דאָס „פריציש פוילן", איז געווען פאַר אים, ווי ער דריקט זיך אויס: „אַ שטיפמאַמע", האָט ער אין זיין איצטיק־צווייטער היים, וו ער לעבט און שאַפט די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר, דערוואָרבן

„אַ דאַך אַף קאָפּ, אַ באָדן אונטער פיס",

און די האַרבע קשיא, וואָס האָט געעקבערט אין מוח:

„צי וועט מיין לעבן נאָך באַקומען זינען,
און פאַרצויגן ווערן וועט נשמה־ריס?" —

אָט־די האַרבע קשיא איז פאַר אים, ווי פאַר נאָך טויזנטער און טויזנטער זיינס גליכן, געוועזענע פליטים פון פוילן, פולשטענדיק פאַרענטפערט.

יוסף איצקאָוו

טאַשקענט, אַפּריל, 1966

I

פון אַלץ און פון אַלעם

פון אַלץ און פון אַלעם........ 13
1. טיף-צעבלויטע נאַכט אַרום........ 14
2. אַמאָל שוין צען זיך הייס צעזעגנט........ 15
3. מאָרגן צע'מאַי'טער........ 17
4. „שיין!" — איז געזאָגט צו-ווייניק........ 19
5. שעה'ן סוף-האַרבסטיקע........ 21
6. ניט אַנדערש, ניט אַנדערש........ 23
7. פאַרנאַכט אין פעניגעס........ 24
8. ניטאָ קיין אָנהייב........ 25
9. יון, צוואַנציק צווי........ 27

פון אַלץ און פון אַלעם,
פון אַלץ אונאַנאַנדער —
אַן איילִיק־געצייכנטער בריוו
אין רוקזאַק פון וואַנדער!
שורות צעשויבערט, אותיות צעפּיבערט,
נאָר ווערטער דאָרט קוואַלן פון האַרציקער טיף,
זאַפּסטו צעדאָרשטיקט איין קוואַליקע ווערטער,
אויפשנירלסט שורות צום הונדערטסטן מאָל —
און לאַנג שוין פאַרשווומענע בילדער און ערטער
טויכן אַרויס פונעם גרינעם אַמאָל!

1

טיף-צעבלויטע נאַכט אַרום,
איך בין אינדערמיטן —
שפּאַן איך ווילעריש אַזוי,
נאָכן טאָג צעגליטן.
נאָכן טאָג צעראַשט, צעבילט,
רוט איצט אָפּ נשמה —
הייליק איז אין שטיל פון נאַכט,
וואָס אין טאָג איז טמא;

האַרצן-אומרו איינגעשטילט,
אָטעמט זיך איצט גלויביק —
זעט אוים טאָג, וואָס איז פאַרביי,
אַזוי נישטיק, שטויביק.

פרומע פאַרכטיקייט אַרום,
אַלץ, ווי איינגעשלאָפן —
וועלט, כ׳באַגרייף דיין שיינקייט איצט,
אַלצדינג פאַר מיר אָפן!

היים געגליט, געבריט האָט פּיין,
גאַנצן טאָג געוואַכט האָט —
איז געלויבט, געבענטשט מיר זיי,
שלווהדיקע נאַכט-בלאָ!

ליבסטע צאַפּלט היים נאָך מיר,
דאָרטן אָפּן ראָג שוין —
שיידן וועל איך זיך מיט איר,
ווען ס׳קרייט האָן אָף טאָג שוין!

2

אַ מאָל שוין צען זיך היים צעזעגנט —
און פונעם אָרט זיך ניט גערירט,
אַז ניט צעגיין זיך ווילן וועגן —
אָ, נאָך אַ וואָרט כאָטש, אַ באַריר!

און —
אפשר געניאַרט מיך ס׳געהער?
אפשר אַ בלעטער־צעוויי?

נאָר מיר דוכט,
נאָר מיר דוכט,
אַז אַ זודיקע טרער
ווי אַ שטום געשריי,
ווי אַ ציטעריק ליד,
היים באַנעצט געמיט,
צעגליט געמיט:
— „כ׳ליב דיך!"

און —
אפשר געניאַרט מיך ס׳געהער,
ס׳האָט גאָר אַ ווינטל געזשומעט?

נאָר מיר דוכט,
נאָר מיר דוכט,
אַז פון אַלץ און אַרום,
האָט אין רגע אין דער,
פול רחמים געברומט,
און בלינד האָט פון ערגעץ

הימויי

אַ שטים זיך געקנאָדערט,
געבעטן, געפּאָדערט:
— „ניט פאַרגעס מיך!"

— — — — — —

— — — — — — —

— — — — — — —

אפשר געגאַרט מיך ס'געהער
און אפשר איז פּרילינג די סיבה
פון געשאָנקענעם צווילינג,
פון גורל־וואָרט,
צונויפגעפּאָרט:
רחמים און ליבע?! . . .

אַ מאָל שוין צען אַוועקגיין זיך געקליבן —
און ווי צוגעשמידט צום אָרט געבליבן!

3

מאָרגן צע׳מאַי׳טער, ס׳שיכורט דער בעז . . .
איינזאַמער ווינקל . . . שאָטנדיק פּאַרק . . .
ביכל פּאַרגעלבטן: „זשאַנאַ ד׳אַרק"
בלעטער איך מער ווי איך לעז.

לאַנג פאַרביי שוין אָפּגערעדטע שעה,
אומרויק טיקטאַקט זייגער אָף האַנט,
אָן צאָל מאָל געקריצט שוין איר נאָמען אָף זאַמד —
און טייערע ניטאָ אַלץ, ניטאָ!

און אָט —
ווי שערבלעך אָף דיינע אויגן!
העליש ברי באַהויכט דיין קאַרק,
און אויפגעשטראַלט האָסטו
און אויפגעהעלט האָט פּאַרק;
פינגער צעטומלטע
נישטערן אין לופטן
(פאַרשעמט זיך אַראָפּגעלאָזט
האָט „זשאַנאַ ד׳אַרק"),
שטים מיין באַגייסטערט
טוט פרעגן,
טוט רופן:
דו? דו?

יאָ, יאָ,
ס׳איז זי,
דאָס ליד פון לידער —

היימווײ

אַלץ אין דיר צעזינגט זיך העל,
מוסר-רייד דיר איצט דערווידער,
און אַלע שטראָף-ווערטער געגרייטע,
בלייבן שטעקן דיר אין קעל.

ס'איז נשמה דיין צעפרייטע,
אַ צעפראַלטער פרילינג-קוואַל;
ס'אָטעמט בלויער זיך און ברייטער,
ווען עס בלענדט איר בלאָנדער שטראַל . . .

— — — — — — — — — — — — — —

און געמיטן טאָג האָט שפּילנד,
אים געטווישט צעלאַכט האָט נאַכט —
און צומאָרגנס שפּירסט: דיין ווילן,
שטראָמט פול לעבן, קוואַלט פול מאַכט!

4

„שיין!" —
איז געזאָגט צו־ווייניק,
„עווריקא!" —
צו־שוואַך,
נאָר אין איינס מען קאָן זיין אייניק:
אַזוינע רגע'ס ניט פאַראַן אַ סך!
— — — — — — — — — —

שפעט־זומער. לבנה'דיקער אָוונט. אַ שיפל.
בערג אַרום, ווי אַנגעלאָדענע מיט גנאָד.
מיד פון רודערן, פון שפּאַסן און פון שטיפן,
שווימט אונדזער שיפל אַף קיינעמס ניט באַראָט.

בליקן פאַרהויבן צו הימלישער סטעליע,
טראָגט זיך דאָס שיפל צום האַפן פון נאַכט —
אַנקערן דאָרטן, ווו שטערן־קאַפּעליע
איבער פאַרליבטע, פאַרטרוימטע עס וואַכט.

ווי אין אַ נעפל איז אַלצדינג פאַרשוואונדן,
ניט הימל דאָ, ניט וואַסער און ניט בערג,
און מיטאַמאָל — פאַר דיין בליק, ווי צעצונדן,
טויכט־אויף אַ ניט־דאָיק קינסטלער־ווערק;

אַ צעפלאַמיקט, צעאָטעמט העל מיט פאַרבן,
וואָס ניט קיין נאָמען ס'האָט און ניט קיין שיעור;
(אַזוי, מסתמא, ווען צדיקים שטאַרבן,
פון זייער אויסגעהויכט נשמה דער קאָליר...)

היימווײ

ניט לבנה — אַ קינדער־באַל זיך הוידעט
איבער הענגענדיקן שטערן־בריק,
און אַף אויער דיר, ווי עמיץ וואָלט געסוד'עט
ווענן טעג פון פרייד און נעכט פון גליק!

שניידט שיפל בלינד צו חלומ'דיקע ברעגעס
און ס'מורמלען וואַסערן אַ לחש'דיק געבעט;
איעדער אבר דיינס מיט לייטזעל אָנגעזעט
אין אַזעלכע דיכטערישע רגע'ס!

שווימט שיפל בלייך, פאַרקוקט אַף שטערן,
בליקן שטערן צאַרט פאַרליבט אַף ערד...
„דיר נאָר, טייערער, געהער איך!" —
און מיין אַקסל בריט אַ הייסע טרער...

5

שעה׳ן סוף־האַרבסטיקע, בלייענע הימלען,
קלעפּיקע פּייכטקייט זשאַווערט דיין טריט,
שויבן פֿאַרטערעטע אויסגעבענקט דרימלען
. . . — „גיין, אָדער ניט?״.

אַ טאָג און אַ נאַכט
ניט געזען שוין מיין מיידל
(מאַלע וואָס מאַכט זיך, צעוועדטלט, צעקריגט),
געפּרוווט צו איר טענה׳ן, געפּרוווט מיט איר ריידן —
און זי אַלע רייד מיינע שווייגיק פֿאַרוויגט;

קאָן איך שוין מער ניט די עלנט פֿאַרטראָגן,
נאָך שעה׳ן צאַפּלעניש אין טראַכט פֿון טאָג,
איז —
אויב דו האָסט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן —
שעם זיך ניט — און זאָג!

שטענדיק שווייגסטו, אייביק טרוימסטו,
אין אַן ערגעץ־וועלט פֿאַרזונקען —
דורך דיין שווייגן אָבער האָרך איך,
ווי עס ריידן דיינע ווונקען;

ה י י מ ו ו י י

וואָלסט אַ סוד געוואָלט פאַרטרויען,
אונטער האַרצן טיף דערטראָגסט אים,
נאָר דערשטיקסט אים טיף און טיפער
און פאַרהוילסט פון מיר, ניט זאָגסט אים! . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

און —
מיין מיידל ניט געזען שוין
אַריבער אַ מיסלעם.

6

ניט אַנדערש, ניט אַנדערש,
געשען איז אַ נס —

ווי אַנדערש צעבליט זיך
אַפּסניי האָט דער בעז,
דער בעז, וואָס געבראַכט שוין
מיט דריי טעג צוריק! —

און ווידער אַלץ לאַכט שוין,
צעהייטערט פון גליק,
און ווידער געלייטערט
מיין שווערער געמיט.
(אַלבאַמיקע זייטל
פאַרפולט מיינס אַ ליד):

„כ׳בין אַלץ און אַלעמען היינט מוחל,
די גרעסטע עוולה גרייט פאַרטראָגן,
פאַרגעבן אַפן שווערסטן חטא! —
איך ווייס, איר שמייכלען וועט
ווען כ׳וועל „פאַרוואָס" אייך זאָגן,
כ׳קאָן דאָך אייך מיט אייער קרעמער-שכל —

נאָר כ׳גיי מיט אייך אין געוועט,
אַז אויך א י ר פאַרגיט, פאַרזעט,
ווען אייך ווילעריש פאַרבעט
איר בלאָנד-צעשטראַלטער שמייכל
און דאָס געמיט אייך צערטלט, גלעט
נאַקטיורן-קלאַנג פון שאָפען-היכל!"

7

פאַרנאַכט אין פּענינעס,*)
טרויעריק־שיין, —
פעלזיקער שטיין
באַקומט דאָ אַ זינען!

פאַרנאַכט אין פּענינעס —
זון קריכט אַף קאַרק
שטייניקן באַרג,
אַריבער מדינות!

פאַרנאַכט אין פּענינעס —
איך בלויז און דו —
שטורמישע רו —
פאַרנאַכט אין פּענינעס!

*) בערג ביי פאַר־מלחמה׳דיקן פּויליש־טשעכישן גרענעץ, לעבן קוראָרט שטשאַווניצע.

8

ניטאָ קיין אָנהויב איז, ניטאָ קיין ענד,
פאַרשוווּנדן אין צימערשן ערגעץ די ווענט,
טראָגסט זיך צו הייכן, פאַרוועבטע אין סוד,
ווילסט הימלען דערגרייכן, אַנטפּלעקן אַ גאָט!

צעפּלאָטערט פליגל פון „שרעדער"־קלאַוויר . . .
פויגל־מחנות קרייזן אין עפיר —
און ביים קלאַוויר דאָרטן כישופט אַ פרוי,
קלאַנגען אַרויספאַנגט זי צאַרטע, ווי טוי;

צאַרטע ווי טוי און שאַרפע ווי בליץ,
ווי צוגעשמידט צום שטול דו זיצסט
און בליק דיין, ווי פייל, אַף קלאַווישן פאַלט,
וואו „פינפטע"*) כישופט אוים אַ פרויען־געשטאַלט!

ליבסטע!

איך זע דיך אַזוי, ווי איר איך וויל עס,
ניט פרעג: פאַרוואָס, פאַרוועץ?
עס זאָגט מיר דיין בליק איצט — איך פיל עס —:
„עס וועט, עס מוז געשען!".

עס בלאָנדזשעט אין אויגן אין דיינע,
באַנג־צעשראָקן געדאַנק;
היים דאַוונט צו בליקן צו מיינע,
אַ שטומער, אַ פרומער פאַרלאַנג!

*) בעטהאָווענס פינפטע סימפאָניע.

ה י מ ו ו י י

איך זע דיך אַזוי, ווי איך וויל עס,
און פרעג ניט פאַרוועז און פאַרוואָס —
ניט זוך אין באַגייסטערטע תפילות
ריטם, גראַם און מאָס! . . .

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

צעפלאַטערט פליגל פון „שרעדער" קלאַוויר . . .
הערצער צעעפנט, נשמות צעהעלט,
און *)
פלוצלינג
קלאַפּט
גורל
אין טיר —
אומגליק
איבערשפּרייזט
טויער
און
שוועל ! ! ! . . .

*) מוזיק־ריטם אין אָנהויב פון „פינפטער סימפאָניע" : „ווען גורל קלאַפּט אין טיר".

9

יון, צוואַנציק צוויי —
ראָזער באַגינען,
וועלטן אין גרינען,
צום לעצט מאָל אַ בליק וואַרף אַף היים!
שוואַרצע מעת־לעת׳ן
פרעסן דיין זינען,
דיין וואַנדער אין וועלטן אַליין.

בלוטיקע וועגן
שפּרינגען אַנטקעגן,
פעלדער מיט טרערן פאַרזייט;
בלייענער רעגן — באַגעגנט,
ווילסטער געיאָמער — באַגלייט..
אונטער חורבות —
היים,
מענטש,
וועלט —
און אַרום איז יון,
פול ליכט און זון,
אַלץ צו־להכעיס
גרינט, העלט . . .

— — — — — —

— — — — — —

ה י מ ו ו י י

פון אַלץ און פון אַלעם,
פון אַלץ אונאַנאַנדער —
אַן איילִיק-געצייכנטער בריוו
אין רוקזאַק פון וואַנדער.

טאַשקענט, 1942

II

ווייב

1. ביאַליסטאָק 31
2. שוואַרצער טאָג פון מיין צעשייד........ 32
3. נו, וואָס זאָל איך טאָן מיט זיכרון........ 33
4. אַף געשפּאַן פון צעשויבערטע געדאַנקען........ 35
5. שנאה-וואַנט טיילט בלינד פאַנאַנדער אונדז........ 37
6. וואָס טאָן מיט זיך........ 38
7. ניט אויסגעוועפּט האָט צייט........ 39
8. רייזעלע, ראָזאָטשקע 40
9. ניטאָ דער טאָג........ 41
10. ס'לעצט ביסל געזונט........ 42
11. שטורעם-ווינט טראָגט מיך צו דיר........ 44
12. אַף וועגן, פול שנאה צעגליטער........ 45
13. ניט מוחל זיין, ניט שענקען........ 46
14. אַליין אין ווייט........ 47
15. באַשערט אונדז מסתם זיך צו שיידן........ 49
16. און אויב מיר וועלן זיך אַמאָל נאָך טרעפן........ 50
17. פאַרענטפערסט פאַר מיר הייס........ 51
18. און נאָך אַ טאָג אַריבער........ 53
19. טויזנט טעג אָן דיר........ 54
20. דורך זיידענעם נעפּל........ 55
21. טויזנט וואַסערן 57
22. מיט נאָמען מיינעם........ 58
23. געהאַט אַמאָל 60

1

ביאַליסטאָק . . . וואָקזאַל . . . ניינצן פערציק איינס . . .
שבת . . . יון, איין און צוואַנציק —
דיין נעזל און מיילכל, געטאָקט און קליינס,
געצערטלט האָט אַ זון־שטראַל גלאַנציק.

חנ׳פול זיך געדרויטלט דיין געזיכט,
בעת׳ן שווייגעוודיקן ריידן,
אָ, ווער האָט דאַמאָלסט זיך געריכט,
אַז דאָס וועט זיין אונדזער צעשיידן?

אָ, ווער האָט דאַמאָלסט אַנען גאָר געקענט,
אַז גורל ט׳מיך צוריק ניט ברענגען —
כ׳וואָלט איינגעקלאַמערט זיך אין דיינע הענט,
און אָף דיין האַלדז געבליבן הענגען!

און איצט, מיט ימים בלוט פון דיר געצאמט,
איך וואָגל צווישן בערג דאָ, אין קירגיזיע,
און דו, מיט גוף און נשמה צעפלאַמט —
. . . . בלויז וויזיע!

נאָר כ׳פיל, דיין גאַנצער וועזן בריט און גליט,
דו וואָלסט אַריבער מדינות געשפרונגען —
טאָ פלי־זשע, פלי מיין אויסגעבענקט ליד,
פון האַרצן־טיף אַרויסגעזונגען!

פרזשעוואלסק, סעפטעמבער, 1941

2

שוואַרצער טאָג פון מיין צעשייד!
ווי חנ׳עווריק האָט וועלט געשטראַלט,
אַ קוים-צעעפנט רויז — קינד׳ס געשטאַלט,
דורכזיכט-צאַרט פרוי׳ס אַרויסבאַגלייט —
אָ, שוואַרצער טאָג פון מיין צעשייד!

פאַרוואָס האָט שוועל ניט איינגעגליווערט זיך אין מיינע טריט?
פאַרוואָס האָט קינדער-בליק ניט צוגענעגלט מיין געמיט
און ליפּן פרוי׳ס ניט אַריינגעביסן זיך אין מיין באַשייד?
אָ, שוואַרצע רגע פון צעשייד!

אַלמאַ-אַטאַ, פעברואַר, 1942

3

נו, וואָס זאָל איך טאָן מיט זיכרון,
אַז ניט פֿאַרטעמפּט —
פֿאַרשאַרפֿטער נאָך געוואָרן ?!

און — ווי אָקערשט וואָלט געווען עס —
אין געהירן טויכן־אויף בילדער, סצענעס,
פֿון היים און היימשטאָט שווער־געפּרוווט,
פֿון, פֿול מיט פּחד, אַנגעגליטער לופֿט —
און — כ׳זע זיך גייענדיק צום באַן
מיט רענצלעך צוויי אין הענט,
מיט אומעט־טריט איך שפּאַן —
און אונטער פֿיס מיך ברענט
נאָנטע שיידונג־רגע!
נו, וואָס קאָן איך טאָן,
אַז ס׳פֿאַרגעדענקט זיך פֿאַרט אַזוי
(אַ נאַרישקייט אַזאַ!),
ווי ס׳שורשנדיקע קלייד פֿון פֿרוי
(פּראָנצוויזיש בלאָ־געבלומט שיפֿאָן),
חנדל׳ט זיך פֿאַר זון צעגליטער
און בלאָנדע האָר פֿון פֿרוי
ווינטלט־דורך אַ שטראַלן־ציטער;
און אַ שטילע טרער פֿון זון צעבליצט
שטום עס רעדט
און שטום עס בעט —
און אין האַרץ עד־היום טיף פֿאַרקריצט,
יענע לעצטע,

היימווײ

יענע שטומע
שײדונג־רגע!

אַז ס׳פֿאַרגעדענקט זיך פֿאַרט אַזוי
ס׳לעצטע וואָרט פֿון פֿרוי
פֿול נביאיש פֿיבער:
„צי ניט צום לעצטן מאָל,
מײַן ליבער?"
און דאָס באַגלײט מיך שוואַרץ אַזוי
אַף אַלע וואָגל־וועגן,
און ס׳קלעמט דאָס האַרץ אַזוי
יענע לעצטע שײדונג־רגע!

נו, וואָס קאָן טאָן איך,
אַז פֿאַרט,
אַז פֿאַרט
וויל זיכרון ניט פֿאַרווישן
יענץ אָפּשייד־אָרט,
יענץ קלעמיק וואָרט,
אין טאָג צע׳מאַי׳טן?

און יעדע נאַכט —
אין וויסטע, פֿרעמדע ווײַטן,
פֿון טרערן פֿייכט דאָס קישן,
און יעדן טאָג —
פֿלייצט האַרץ אַרויס פֿון ברעגעס,
ווען אין זיכרון צאַפּלען־אויף
יענע לעצטע,
יענע שטומע
אָפּשייד־רגעס!

פֿרונזע, 21 יוני, 1942

4

אַף געשפּאַן פון צעשויבערטע געדאַנקען
איך לאָז צו דיר זיך, טייערע, אין ווייטן וועג,
געמיט מיין פון בענקשאַפטן קראַנק איז,
און הענט צו אָרעמס דיינע רחמים׳דיק געשטרעקט!

כ׳בין אַזוי פאַרעלנט,
אין ווייטן וויסטע, קאַלטע,
אַזוי פאַרוואָרלאָזט
אין איינזאַמען אַרום —

ווי וואָלט אַצינד זיך וועלן,
דיין האַנט אין מיינער האַלטן,
און ליפּן שעפּטשען זאָלן
אַזוי תפילה׳דיק און פרום!

„וואָס ביסטו בלייך אַזוי?" —
דו פרעגסט מיך,
און מאַמע-ווייך,
פאַרקוקסט אין אויגן מיר,
הייסן שטערן
מיט קושן היים באַדעקסט מיך,
און פייכטע, בלויע אויגן
נויגן זיך צו מיר.

ה י י מ ו ו י י

אַף דיין קאָפּ, דעם בלאָנדן,
לען איך מיינע בליקן
דורשטיקע, פאַרטריקנטע
פון לאַנגן, וויטן וועג —
און, ווי וואַסער קוואַליק,
טרערן דיינע לעשן
מיין געמיט, צעכוואַליעט
פון גרויע בענקשאַפט־טעג.

טאַשקענט, דעצעמבער, 1942

5

שנאה־וואַנט טיילט בלינד פאַנאַנדער אונדז,
ים פון ליבע שטום פאַראייניקט —
כ׳ווייס, געהערסט ניט דאָרט קיין אַנדערן,
און געווייסן דיינער ריין איז.

כ׳זע געלעגער דיינעם, טייערע,
האָרך, ווי ס׳וועקט דאָס קינד דיך איבער,
פיל, ווי ברוסטן דיינע פייערן,
ליפּן שעפּטשען: „זיסער, ליבער!"

טאָג און נאַכט מיט מיר נאָר אָטעמסטו
און מיט אָנדענק מיינעם גליסטו —
אין די כמאַרע־טעג פאַרשאָטנטע,
ניט מיט קיינעם — מיינע ביסטו!

ווי אַ שטערן אויף מיין וואַנדער־וועג,
בלינצלט מיר דיין אָנדענק ריינער —
שנאה־וואַנט טיילט בלינד פאַנאַנדער אונדז,
ים פון ליבע שטום פאַראייניקט!

טאַשקענט, אַפּריל, 1943

6

וואָס טאָן מיט זיך אין רגע׳ס פון צעשטורעמט בענקשאַפט ?
ווו אַהינטאָן זיך
אין שעה׳ן פון צעקלעמטן וויי ? !
שרייען ? —
וואַרגט אין קעל נשמה־ענגשאַפט ;
שטומען ? —
מאָנט יסורים׳דיק געשריי ;
און ווו זיך אַהינטאָן
און וואָס מיט זיך טאָן ?
וויי !
וויי !

טאַשקענט, מערץ, 1943

7

ניט אויסגעוועפּט האָט צייט און ווייט מיר
רייץ פון דיין זינגעוודיקן גוף —
קיין זאַך, טייערע, פאַרבייט מיר
אַראָמאַט פון דיין קלינגעוודיקן רוף!

ניט פאַרטויבט האָט שטורעם־צייט מיר
דיין דורכזיכטיקן נאָמען־קלאַנג —
קיין זאַך, טייערע, פאַרבייט מיר
דיין צע׳יום־טוב׳ט נשמה־געזאַנג.

אַריבער צייט און ווייט און קלעם און נויט,
צעפּרילינגט ווען דיין איך אָן —
און איך פּיל און איך שפּיר, אַז פאַראַן
אַ ליבע, וואָס שטאַרקער פון טויט!

פרונזע, נאָוועמבער, 1942

8

רייזעלע, ראָזאָטשקע, מיכעלע, מישענקע —
א י י ך זאָגן גאָרניט אָט־די נעמען,
אַ פוסטער, אַ סתם־אַזוי קלאַנג,
אוּן מ י ר אַזש ביים האַרצן טוט קלעמען,
ביים בלויזן נאָר אותיות־געקלאַנג!

צעלאָזועטע שטראָמען געפילן
פאַרכליניען צעווייטאָגטע ברוסט,
פאַרפלייצן מיין איינזאַם מיין שטילן,
אין רגע׳ם פון ברויזיקן גלוסט!

ווי ליכטיק די אותיות צעבליצן
אין פינצטער פון מדברשער וויסט —
און אין נשמה צעקריצן
נאָך טיפער זיי דעם שוואַרצן רים!

טאַשקענט, מערץ, 1943

9

ניטאָ דער טאָג —
איך זאָל פון דיר ניט ריידן,
די נאַכט ניטאָ —
איך זאָל ניט זען דיין בילד —
איעדע רגע,
כ׳וויטיק דאָס צעשיידן,
ביים ס׳לייב זיך ווילד.

ניטאָ דער טאָג —
דיין נאָמען ניט דערמאָנען,
די נאַכט ניטאָ —
ניט חלומ׳ען פון דיר —
אָ ! ווען כ׳זאָל איצטער קאָנען
כאָטש שפירן דיין באַריר !

ניטאָ דער טאָג —
און ניט מיט דיר צוזאַמען,
די נאַכט ניטאָ —
ניט בריען זאָלסט מיין אויסגעפייניקט גוף —
אויסגעצערט פון בענקשאַפט-פלאַמען,
צו דיר
מיין אויסלייז-רוף ! ! !

פרזשעוואלסק, סעפטעמבער, 1941

10

ס׳לעצט ביסל געזונט
אין צעטרייסלטן גוף,
היט איך אוף —
פונדיינטוועגן,
טייערע!

ס׳רעשט ביסל האָר
אַף צעפּיבערטן קאָפּ,
היט איך אָפּ —
פונדיינטוועגן,
טייערע!

ווען געקלעמט מיך נויט,
געבריט הונגער־שאַנד,
ניט פאַרטוישט אַף ברויט
ס׳קידושין־רינגל פון האַנט,
ס׳הייליק אָנדענק דיינס,
טייערע!

איבער לעצטע טעג און שעה׳ן
פון דעם וואַנדער־לעבן גרויען,
ציטער איך,
פלאַטער איך,
מיט אַלע פיבערן מאַטער זיך
דערהאַלטן ס׳רעשטל טעג,
דערשלעפּן ס׳הייפל שעה׳ן

מענדל גאָלדמאַן

צו דיין בליק דעם בלויען,
צו דיין בליק דעם צאַרטן,
כ'וויים, וועסט וואַרטן,
ווי שפּעט איך זאָל ניט קומען,
ווי לאַנג כ'זאָל זיך ניט זוימען —
פון מיר בלויז טוסטו טרוימען,
די אויגן ווייגסטו אוים
פאַר ליידיקע פיר ווענט אין הויז.

און —
מעג בריען נויט,
מעג גליען פּיין,
דערהאַלט איך זיך
אַף אויבערפלאַך פון ז י י ן —
פונדיינטוועגן,
טייערע!

פרונזע, דעצעמבער, 1941

11

שטורעם-ווינט טראָגט מיך צו דיר
אױף פליגל פון בענקשאַפט!
אין געדיכטער קאַמער-ענגשאַפט
ליכט-פלעמל גוסס׳ט;
פענסטער-שױבן סוד׳ען זיך אין פינצטער,
פחד-שאָטנס הוידען זיך אױף װענט,
אױף קאַפּ צעגליטן פיבערדיקע הענט;
יעדער װינטל-שאָרך
אַ גרוס פון מיר ברענגט,
יעדער שטערן-פאַל
אַ בליק מײנס דיר שענקט;

און אַז ס׳צעװײנט זיך פּלוצלינג ס׳קינד —
שטילסט עס אײן מיט לידעלע פון טאַטן,
און װען ער שליסט
די אײגלעך צו —
שװעבסטו אַפּ צו מיר,
אױף טרוים-פליגל צעפלאַטערט!

טאַשקענט, אַפּריל, 1943

12

אַף וועגן, פול שנאה צעגליטער,
גיי איך צו דיר,
אַ בשורה, פול שטראַליקן ציטער,
טראָג איך פאַר דיר.

ווי אַ פאַנצער מיר דיין ליבע־פלאַם
אין וואָגל־גאַנג,
אַ שטיץ מיר און אַ צאַם,
אַ רעטונג־שטאַנג.

איך בין דיין ליבע ניט ווערט געווען —
ערשט א י צ ט עס פאַרדינט,
אין שטורעם־גלי באַשערט געווען
לייטערן זינד!

דורך אַלע שטרויכלונגען צעשטעלטע
אַריבערגעהיפּט,
און ווי אין יענעם יון־טאָג צעהעלטן —
אין דיר פאַרליבט!

דורך וועגן, פול שנאה צעגליטער,
נען איך צו דיר,
מיט בשורה, פול פריידיקן ציטער,
אייל איך צו דיר;

ווי ליכטיק אין הארצן פאַרקריצט מיר
דיין נאָמען,
איז טראָג איך מיין ליבע דיר איצטער —
אָמן!!

טאַשקענט, אָקטאָבער, 1942

13

ניט מוחל זיין, ניט שענקען,
כ'וועל יאָרן געצוואונגענעם צעשייד,
ביז טויט אַריין וועל איך געדענקען
דיינע בנעימות'דיקע רייד;

לעצטע ווערטער דיינע, פֿאַר מיין אָפּפֿאָר,
לעצטן ווידערקלאַנג פֿון זילבער־קול —
מיט אַלצדינג וואָלט איך דאַן געאָפּפֿערט,
אַבי ניט זען דיך צום לעצטן, אפשר, מאָל;

עד־היום שפּיזלען מיך בליקן דיינע שאַרפֿע,
אַריינגעביסענע אין האַרטן, האַרבן וועג,
און מיין האַרץ, צעציטערט, ווי אַ האַרפֿע,
פֿון צעפּיבערטע פֿינגער באַוועגט...
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
ניט מוחל זיין, ניט שענקען,
כ'וועל יאָרן געצוואונגענעם צעשייד —
ווער פֿאַרגעלטן קאָן פֿאַר שעה'ן אויסגעבענקטע,
פֿאַר גע'מפּיל'טע מעת־לעת'ן פֿרייד?!

טאַשקענט, פֿעברואַר, 1943

14

אַליין אין ווייט אַף בלינדע וועגן,
אַליין אין וויסט אַף נאַכט׳ס באַראָט —
קום, ליבסטע, מיר אַרויס אַנטקעגן,
ווי פעלט מיר אוים אַצינד דיין גנאָד!

דיין וואַרעם לאַסקע שטילע, צאַרטע,
דיין חנ׳עוודיקער בליק, וואָס טרייסט —
איך קאָן שוין מער ניט, קאָן ניט וואַרטן,
אויך ד ו ביסט אויסגעבענקט — איך ווייס!

איז לאָז זיך, ליבסטע, איבער וועגן,
אין יעדן טויער קלאַפּ און טיר!
עס גייט מיין ליבשאַפט דיר אַנטקעגן,
גייט, ווי אַ וועגווייזער פאַר דיר.

עס שפרייזט אַנטקעגן דיר מיין בענקשאַפט
— אַ שטורקאַץ אינעם נאַכטן־שוואַרץ —
פאָרוים זיך רייסט נשמה־ענגשאַפט
און צאַפּל־קלאַפּנדיקעם האַרץ.

שוין פאַר אַ מייל דו וועסט דערשפּירן
דעם אָטעם פון פאַרבענקטע טריט;
שוין פאַר אַ מייל דו הערסט וויברירן
די שורות פון מיין בענקשאַפט־ליד.

היימוויי

אַלץ אַנט, אַלץ שפּאַנט פונדיינעטוועגן,
און וואַלד און פעלד און בוים און רוים —
און ווען זאָלסט אין וועג ניט פרעגן,
ווײס יעדער פון מײן ליבע-טרוים;

איז לאָז זיך, ליבסטע, איבער וועגן,
איך האַר אַף דיר, איך גאַר נאָך דיר —
עס גייט מיין ליבשאַפט דיר אַנטקעגן,
גייט, ווי אַ וועגווייזער פאַר דיר.

אַלמאַ-אַטאַ, 1942

15

באַשערט אונדז מסתם זיך צו שיידן,
אַזוי סתם זיך פֿאַנאַנדערצוגיין —
נאָך ברײט מיך דײַן גליאיק ריידן,
דײַן שאַרפֿער, דײַן קאַנטיקער „ניין״ ;

קרישטאָלענער אָפּגלאַנץ פֿון טרערן,
ביז היינט נאָך באַשטראַלט מיך ס׳געמיט —
אַ לעבן אַ גאַנצן כ׳וועל הערן
לעצטן שאָרך פֿון דײַנע טריט ;

ווי אַ פּאָר׳משפּט׳ער צו תּליה,
געשטיגן אויף טרעפּלעך פֿון צוג —
אונטער טריט מיך געבריט דאָס גליען
פֿון דײַן צעטומלט־לעצטן קוק ;

און ווען געריררט האָט צוג אַ בייזער
און רעדער־רויש צעמורשט האָט דײַן קול —
אַ טרערן־שטראָם, ווי פֿון אַ גייזער,
אַרויסגעפּלייצט האָט מיטאַמאָל ! . . .

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

באַשערט אונדז מסתם זיך צו שיידן,
אַזוי סתם זיך פֿאַנאַנדערצוגיין !

טאַשקענט, סעפּטעמבער, 1942

16

און אויב מיר וועלן זיך אַמאָל נאָך טרעפֿן,
און אויב אינאיינעם זיין נאָך אונדז באַשערט —
זאָל האַרץ דיינס זיין פֿאַר מיר צעעפֿנט,
ווי אין יענעם גרינעם יון־טאָג אַף צעטרייסלט ערד.

און אויב באַשערט נאָך זיין אַמאָל צוזאַמען,
אינאיינעם אָטעמען מיט פֿרייהייט־לופֿט,
מיט יוגנט־ליבע זאָלן הערצער פֿלאַמען,
ווי ווען צום לעצטן מאָל געבענטשט נשמה׳דיקן גוף.

פֿרונזע, יאַנואַר, 1942

17

פֿאַרענטפֿערסט פֿאַר מיר היים
דיין נעכטיקן ניט־קומען
און שפּירסט ניט גאָר,
ווי בייז,
ווי קאַלט,
עס פֿאַלט
מיין בליק אַף דיינע בלומען!

אַז פֿרעמד מיר קלינגען ווערטער דיינע,
אַז כ׳דאַרף ניט דיין פֿאַרענטפֿער און דיין טענה;

רעדסט צו מיר,
פֿאַרקוקסט אין אויגן מיר,
און איך —
בליק ווייט אַריבער דיר —
זע נאָענטע היימלאַנד מיינע!
און אין היימלאַנד —
היימשטאָט,
און אין היימשטאָט —
היים,
און אין היים —
אַ פֿרוי,
וואָס טייערער
פֿון אַלע פֿרויען אין דער וועלט מיר.

הימוויי

פֿאַרענטפֿערסט זיך פֿאַר מיר
פֿאַר דיין נעכטיקן ניט קומען —
אַז כ׳דאַרף ניט דיין פֿאַרענטפֿער,
דאַרף ניט דיינע בלומען;
כ׳דאַרף ניט קיינעם, קיינעם
אין גאָרטן פֿון מיין בענקשאַפֿט!

פֿרונזע, אַפּריל, 1942

18

און נאָך אַ טאָג אַריבער,
און נאָך אַ נאַכט פֿאַרביי —
פֿאַר׳יתום׳ט שטומט מיין ליבע,
געמיט מיר דריקט, ווי בליי.

אין מוח רק עס בויערט
און קלעמט אַ ווילד פֿאַרלאַנג —
די אויגן אומשולד־בלויע,
דיין שטימע פֿול געזאַנג.

צו הערן, זען, וואָס שנעלער,
כ׳דערוואַרט די רגע קוים —
און רייפֿער נאָך און העלער,
צעבליט מיין ליבע־טרוים.

מערקע (קאַזאַכסטאַן), פֿעברואַר, 1943

19

טויזנט טעג אָן דיר,
טויזנט נעכט —
אַליין מיט זיך,
אין ז י ך .

טויזנט טעג,
טויזנט נעכט
דיין ליכטיקייט ניט זען,
ניט פילן דיינע טריט —
גליווערט אַלץ אין מיר
און טרויער איז מיין ליד!

טויזנט טעג,
טויזנט נעכט
און גורל־שפין
געשפינס אַלץ פלעכט,
פלעכט . . .

טאַשקענט, פעברואַר, 1944

20

דורך זיידענעם נעפּל פון בלויע פאַרנאַכטן,
אַף שלאַנקער נאָוואָי *)-גאַס אין טאַשקענט —
צעהויקערט געסל זע איך,
דיין טרויער-בליק פאַרטראַכטן,
אַף מיר געווענדט.

נאַכט בלייך-פאַרשעמטע פלאַטערט
אין דיין ענגן צימער-רוים,
לופט געשטיקט,
ווי אַף אַ ווולקאַנען-קראַטער —
אָטעמסט קוים!

שויבן שוואַרץ-צעשראָקענע שטאַרצן
צום דאַרן, געלאַטעטן הויף;
טונקל אומרו אין דיין האַרצן
עקבערט, ווי אַ שרויף.

כ׳זע דיין פּראָפיל דין געשניצטן,
האָרך ס׳אָטעמען פון דרימלענדיקן קינד,
און אין ווינקל גרויע מאַמע זע איך זיצן,
מיט בליקן בלינד;

*) פאַמיליע-נאָמען פון אוזבעקישן דיכטער.

היימוויי

ווייטיקט מיך אַזוי דיין ווײַסטער עלנט —
דו, איידלסטע פון פרויען,
אין קלעם פון געטאָ-ווענט ;
און ס'פינצטערן געמיט מיין
די פאַרנאַכטן העלע,
אויף שלאַנקער נאָוואָי-גאַס,
אין טאַשקענט !

טאַשקענט, אויגוסט, 1943

21

טויזנט וואַסערן —
ניט אויסלעשן
מײַן ליבשאַפֿט צו דיר,
טויזנט פֿײַערן —
ניט אויסגליען
מײַן בענקשאַפֿט צו דיר —
ווי סנה, וואָס פֿלאַמט,
ניט ווערט פֿאַרצערט!

באַשערט,
באַשערט מיר
שטומען ווײַ
פֿאַר וועגט פֿיר אויסדערציילן,
מיט אייגן שאָטן טיילן
דערוואָרגן געשרײַ!

טאַשקענט, אַפּריל, 1943

22

מיט נאָמען מיינעם אַף ליפּן דיינע בלויע,
כ׳זע דיך, פּירנדיק צו תליה —
בין השמשות׳דיקע רגעס גרויע,
טונקעלן אויף דיינע וויעס ;

האָר צעשויבערט צו הימלען בעטן,
טריט פאַרבלוטיקטע ביי ערדן מאָנען,
בליקן רחמים׳דיק מיין נאָמען גלעטן,
טעג און נעכט פאַרשוואונדענע דערמאָנען ;

טעג געלייטערטע און נעכט צעשטורעמט,
טויכן־אויף צעבליצט דיר אין זכרון :
...אַ בת־מלכה אין אַ כישוף־טורעם,
איינגעהאַרכט אין שאַל פון יעגער־האָרן...

...אומרו־קלאַפּ אין האַרץ פאַרשלאָסן,
חלום מיידלשן פאַנאַנדערזיגלט —
פריידיקייט פאַרטייעטע צעפלאָסן,
אַלע דאַמבעס אויפגעריגלט...
ס׳לעבן יאַדערדיק אָנגעקוואָלן,
— אַ מילגרוים, אונטער מזרח־זון צעגליטער —
פּלוצלינג,

מענדל גאָלדמאַן

וואָיענדיק,
צעבילט זיך —
מדבר'דיק געוויטער ! . . .

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

טראָגט זיך חורבנ'דיקער קלאָגן
איבער שטעט און איבער לענדער ;
תליות יאָמערן אַף ראָגן,
פאַרלענדונג מאָנען און פאַרענדער ;

בריט נקמה אויפגערייצטע,
אין בלוטן היים-צעזאָטן —
אַריבער טעג און נעכט געקרייציקט,
פירט דיין וועג איצט צו גאלגאטע ! ! !

טאַשקענט, יאַנואַר, 1944

23

געהאַט אַמאָל
א ווייב ;
געהאַט אַמאָל
א קינד ;
געבריט אַמאָל
האָט ס׳לייב,
געדאַוונט האָט זיך
בלינד.

געהאַט אַמאָל
א היים,
אַף קאָפּ — א דאַך ;
געקושט אַמאָל
געהיים,
געשפּאַסט,
געלאַכט.
געהאַט אַמאָל
פריינט,
וועלט געוועזן
צעהעלט,
און שלווה׳דיק
געצעלט,
האָט פריד און פרייד
באַשיינט.

— — — — — —

מענדל גאָלדמאַן

געהאַט אַמאָל !
געווען אַמאָל ! . . .

אויפגעשניטן . . .
אויפגעריסן . . .
פעדערן — אַף ווינט . . .
ס׳לייב ביז בלוט
זיך איינגעביסן . . .

צעטראָטן ליבע . . .
געשאָכטן קינד . . .
און אַרום
איז — יון,
פול ליכט און זון ;
אַלץ גרינט,
אַלץ העלט,
צו להכעיס —
וועלט ! . . .

טאַשקענט, פעברואַר, 1944

III

קינד

1. וויפל כ׳מי זיך ניט פֿאַרגעסן 65
2. צווישן הויכע בערג 67
3. כ׳וואָלט דורך ווינט 68
4. טאַטע-בליקן נויגן זיך 69
5. ליב קינד מיינס 70
6. ניט וויין, מיין קינד 71
7. אָ, ליכטיק, שטראַליק זונעלע 73
8. פֿאַלן בלעטער פֿון די ביימער 75
9. שניידיק זיפֿץ פֿון האַרץ צעקלעמט 76
10. ס׳שלאָגט צוועלפֿטע שעה 77
11. און ווידער זיך קנאָספּן צעפּלאַצן 79

1

וויפל כ׳מי זיך ניט פֿאַרגעסן
יענעם פֿרילינגדיקן מיי־טאָג —
נאָר די איינזאַמע מעת־לעת׳ן
דעקן אָפּ מיר יענעם ווײ־טאָג!

אין לופֿט האָט מיט פּולווער געשמעקט שוין,
מיט בלוטדורשטיק ברודער־געפּעכט;
ס׳האָבן ליכטצונגען הימלען געלעקט שוין
אין קינסטלעך־באַפֿינצטערטע נעכט;

און ס׳האָט אַזוי זיך ניט געוועלט מיר
מיט ליבער היים צעשיידן זיך —
ס׳איז די זון געווען פֿאַרשטעלט מיר,
ווען טיר פֿאַרקלאַפּט כ׳האָב הינטער זיך.

ביז טרעפּ־אַראָפּ האָט נאָכגעיאָגט מיך
קינד׳ס צעיאָמערט „פּאַ, ניט גיי!"
און גייענדיק האָט אַלץ גענאָגט מיך
דאָס פּיינלעך־קינדעריש געשריי.

צעקלעמטער שטייענדיק אין טיר שוין,
האָט האַרץ געקנוילט זיך אין געוויין,
און ווען עס האָט דער צוג גערירט שוין,
אַרויסגעפּלאַצט האָט: „**בלייבסט אַליין!**"...

— — — — — — — — — — — — — — — —

היימווײ

װיפל כ׳מי זיך ניט פֿאַרגעסן
יענעם פרילינגדיקן מיי־טאָג,
נאָר די עלנטע מעת־לעת׳ן
דעקן אָפּ מיר יענעם װיי־טאָג!

פרונזע, 10 מערץ, 1942

2

צווישן הויכע בערג, ווי תפיסה-טויערן,
אַף מײלן טויזנטער פאַרוואָרפן ווייט פון דיר,
הערט ניט אויף דיין הייליק אָנדענק בויערן
און טאָג ווי נאַכט נאָר קלער איך, ליכטיק קינד, פון דיר!

וו ביסטו איצט, אָ, שטראַלנדיקער אוצר מיין,
מיט אויגלעך העל און לויטער, פונקט ווי זונען צוויי?
פאַר דיינע רייד צעגלעקלטע, וואָס רייצן מיך —
אַ צענדליק יאָרן שענקען גרייט, צו הערן זיי!

כאָטש בלויז אַף דיר איין בליק טאָן, טייער מיכעלע,
אַף בלאָנד-געלאָקטן קעפּל דיינס, אַף שטאָלצן גאַנג,
אַ קוק כאַפּן, צי ריין, צי גאַנץ דיין שיכעלע,
צי האָסטו ברויט צו זעט, צי שיין אַזוי נאָך, שלאַנק?

צי שפּירסטו צערטלעכקייטן פון אַ מאַמען?
צי ליבט דיך נאָך די באָבע אַזוי היים? —
געשפּרונגען כ׳וואָלט צו דיר דורך פייער-פלאַמען,
ליכטיק יינגל מיין, זונעלע, מיין טרייסט!

פּרזשעוואלסק, אָקטאָבער, 1941

3

כ׳וואָלט דורך ווינט
אַף מערב וואָס שוועבט,
באַפוילן קינד,
אַז טאַטע לעבט;
אַז אויסגעשמאַכט
און אויסגעצערט —
פון פאַרוואָרלאָזט קינד,
טאָג און נאַכט
ער טראַכט,
ער קלערט!
נאָר . . . פאַרבלוטיקט זענען וועגן,
שוואַרץ-צע׳חרוב׳ט היים און לאַנד,
און ס׳וועט ווינט זיך ניט דערפרעגן
אַף דאָס קינד, וואָס קלעמט אין שאַנד,
הינטער געטאָ-וואַנט פאַרשפאַרט,
און מיט בליקן אויסגעלאָשן
אַף זיין טאַטן,
אַף זיין טאַטן
וואַרט!

פרונזע, יאַנואַר, 1942

4

טאַטע־בליקן נויגן זיך,
צו דיין בליק, פול חן.
מיר פאַר דיינע אויגעלעך,
יינגעלע מיין שיין!

אויסגערוטע — גריסן מיך,
יעדן אינדערפרי
אויגלעך דיינע זיסינקע,
אָנגעזעט מיט גלי.

בלאַנקט אַ שמייכל שטיל אַראָפּ
פון דיין העל געמיט —
פרישט עס אָפּ מיין מידן קאָפּ
ווי אַ קוואַליק ליד!...

— — — — — — — —

מיילנוויט בין איך אַצינד
פון דיין שטראַליק קוק —
כ'בין אַליין איצט ווי אַ קינד,
עלנט קינד אַף ברוק!

מיר פאַר דיינע אויגעלעך,
יינגעלע מיין קליינס —
...זאַטע זאַנגען נויגן זיך,
...יון, פערציק איינס!

...ברום פון פלי־מאָטאָרן,
שטום געשריי פון קינד...
אָ, יענע יון־קאַיאָרן
מיין זכרון צינדט!

טאַשקענט, יוני, 1943

5

ליב קינד מיינס, האַרציק־טייערער,
דאָס ליד שרייב איך פונדיינעטוועגן,
אַ גרויסן יום־טוב כ׳פייער היינט —
ס׳שפּרייזט פרילינג זעקסטער דיר אַנטקעגן!

פרילינג ליכטיקער אַנטקעגן —
און אַרום איז האַרבסטיק־פינצטער,
עס פלייצט אַ בלוטיקער גוס־רעגן
און עס הוליען ווילד געשפּענסטער;

בייזע, ווילדע רוחות הוליען
איבער ערדן, איבער לענדער —
אָ, ווען כ׳קאָן צום האַרץ דיך טוליען,
אויסהיטן פון וויסטע שענדער;

פון אכזריותדיקע פּיינען
אויסהיטן דיין פריע יוגנט,
די נאַאיווע אומשולד דיינע
און דיין בליק דעם מילדן, קלוגן!

נאָר פאַרוואָרפן ווייט איז טאַטע
צווישן ריזן־בערג פאַרוואָלקנט —
פייערט איינזאַם ער די דאַטע
אונטער וויסטן, בלינדן באַלקן!

... און דיין באָבע און די מאַמע —
צי אַרום כאַטש גאַנץ פון וויכער?
לעבט דאָרט גליקלעכע צוזאַמען,
זען מיר זאָלן זיך וואָס גיכער!

פרונזע, 17 מערץ, 1942

6

ניט וויין, מיין קינד,
ניט קלאָג
אין געטאָ־ווענט פאַרשפּאַרטער,
ניט וויקל זיך אין טרויער —

אין איין אַ העלן יונ־טאָג,
נאָך יאָרן האַרטן וואַרטן,
צעפּראַלט זיך ברייט דער טויער
און זעסט דעם טאַטן דיינעם
ווילד אַזוי געגאַרטן!

אַ פּאַל אַף האַלדז,
אַ דריק צום האַרץ —
און גאָר,
און אַלץ!

לויטערדיק, צעשמייכלט,
ווישט טאַטע שטיל דיין טרויער אָפּ,
און טאַטע־בליקן, מאַמע־ווייכע,
דיך מעסטן אָפּ!

ה י י מ ו ו י י

און אַלע טעג און נעכט און וואָכן
שוואַרצע, בייזע, לאַנגע, —
ווי ערשטער שניי צעגאַנגען,
און אין האַרץ דיין אויפגעגאַנגען
גרינע קערנדלעך פון ז י י ן !
— — — — — — — —
— — — — — — — —
זיי מוטיק, זון מיין,
אין געטאָ־ווענט פאַרשפאַרטער !

טאַשקענט, אַפּריל, 1943

7

אָ, ליכטיק, שטראַליק זונעלע,
מיין מאָרגן און מיין היינט —
זעקס יאָרעלעך געפונענע
מיין ייִנגעלע האָט היינט!

און זיכער מאַמע ווינטשט איצט קינד,
און באָבעשי דאָרט טרערט:
... „ווו קאָן טאַטע זיין אַצינד?"
... „מסתּם אַזוי באַשערט!"

און דער טאַטע גריזשעט ווייטן
און פונדערווייטן בענטשט —
אַ צעקלעמטער ווינטשט ער, בענטשט ער
דעם פרײ־געוואָרן מענטש;

און דאָס מענטשעלע דאָס קליינע,
פון אַהינטער געטאָ־וואַנט,
שטראַלט אויס בליקן פרומע, ריינע
צום גרויסן, ווייטן לאַנד;

היימוויי

דאָרטן איינזאַמט ליבער טאַטע
פון בענקשאַפט-ווייען אויסגעדאַרט —
וואַרט אַף אויסלייז-טאָג געגאַרטן,
וואַרט, זיך ניט דערוואַרט ! ! . . .
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
זעקס יאָרעלעך געפּונענע
מיין יינגעלע האָט היינט —
צו פרייד פון טאַטע-מאַמעשי,
צופוקעניש דעם פיינט !

פּרונזע, 17 מערץ, 1943

8

פֿאַלן בלעטער פֿון די ביימער
קראַנק און מיד —
לעשן אין מיין האַרץ זיך טרוימען,
שטומט אַ ליד!

פֿאַלן שטערן גרין־פֿאַרבענקטע,
פֿאַלן בלינד —
ווען דורך זיי אַ בליק כאָטש שענקען
בלייכן קינד!

פֿאַלן זין אַף קדושה־שלאַכטפֿעלד
העלדן־טויט —
און געלייטערטע דערוואַכט וועלט
העל צעבלויט!

סעמיפּאַלאַטינסק, סעפּטעמבער, 1942

9

שניידיק זיפּיץ פון האַרץ צעקלעמט
אַדורכדרינגט חשכות פון מיין איינזאַם צימער —
און דורך קאַלטן פענצטער־שימער,
דערבליק איך היים,
חרוב היים;
און פון חורבות אַרונטער
דערשטיקטער קרעכץ פון קינד,
שטיל געבעט פון פרוי,
און — ווי צו ליכטצינדן געווענדט —
הענט
פון אַלטער מאַמע:
— „זון מיינער אין וויַיטן העלע,
זון מיין און טאַטע צו דיין קינד!
זאָפּ־איין אונדזער צער,
אונדזער תפילה פאַרנעם,
לייז אונדז אויס פון וויסטן קלעם!

זון מיין און טאַטע צו קינד,
וואָס קאָן זיך קוים אַף דיר דערהאַרן —
דערבאַרעם זיך אַף אונדז,
דערבאַרעם!"

טאַשקענט, נאָוועמבער, 1943

10

ס׳שלאָגט צוועלפטע שעה,
אין אייביקייט דאָס אַלטע יאָר גייט-אָפּ —
אַ שוואַרצע קראָ
צעפּאַכעט האָט זיך בייז איבער מיין קאָפּ!

אַ גרוס געבראַכט
פון געטאָ-טויערן פאַרריגלט פעסט,
פון טרויער-נאַכט,
געצוימט מיט שטעכלדראָט פון ברוינער פּעסט;

און ס׳רייסט זיך ווילד
פון הינטער קראַטן-צוים מיין יונגער זון,
זיין הערצל פילט:
עס לייכט אין מיזרח דאָרט צעהעלטע זון;

און ס׳ציט אים, ציט,
ווו „מענטש" קלינגט שטאָלץ אַזוי, וואו מענטש איז פריי,
ווו ס׳יובל׳ט ליד
פון איבערשמעלצן מענטשן אַפּדאָסניי;

אַהין, אַהין,
וואו פרייהייט-קאַמף זיך שאַרפט פון דור צו דור,
וואו ציל און זין
עס האָט דאָס טוישן זיך פון יאָר אַף יאָר!

נאָר געטאָ-וואַנט —
געצוימט מיט שטעכלדראָט פון ברוינער פּעסט,

היימווי

און ס׳בלוטיקט האַנט
ביים ברעכן טויערן פאַרריגלט פעסט ;
און היים־פאַרבענקט
בליקט זון אַריבער געלער געטאָ־וואַנט :

„אָ, ווען שוין ברענגט
דער ווינט אַן אויסלייז־גרוס פון מזרח־לאַנד ?"

זיי מוטיק, קינד,
און פלאַטער־רויש פון יאָרן־טויש פאַרנעם,
ס׳ציט ווינט געשווינד,
ניט לאַנג שוין צאַפּלסט זיך
אין געטאָ־קלעם !

אָט באַלד און ס׳קראַכט
די געלע געטאָ־וואַנט אין וועלטן גאָר,
און שוואַרצע נאַכט
בייט־אָפּ צערויטלט־פרייידיקער
קאַיאָר ! ! . . .
— — — — — — — —
— — — — — — — —
ס׳שלאָגט צוועלפטע שעה,
ס׳טאָגט ניי־יאָר ניינצן הונדערט פערציק פיר —
און נאָנט איז שעה
פון זיג,
פון גליק
פאַר מענטש, פאַר וועלט,
פאַר מיר,
פאַר דיר !

טאַשקענט, דעצעמבער, 1943

11

און ווידער זיך קנאָספּן צעפּלאַצן,
און ווידער צעפּרילינגט אַ וועלט —
אַ לויטערקייט שפּרייט זיך אין האַרצן,
פון בלומען און גראָזן צעקוועלט;

און ווידער אוריוק האָט צעבליט זיך,
צעשמייכלט מיט קינדישן חן —
אַ שטראַליקייט ראָזע צעשיט זיך,
אַף פּלויט און אַף דאַך און אַף שטיין;

און ס'ציִען זיך ליכטיקע גאַסן,
ווי זיגערש-אויסגעשטרעקטע הענט;
צעטומלטע אַריקן *) שפּאַסן
און שטיפן מיט לײמיקע ווענט

דערמאָנט זיך פאַר'חושכ'טע היימלאַנד,
אין צאָרניק געראנגל פאַרקלעמט,
אַף סטאַרטשענדע תליות צעהאנגען
קינדערשע בליקן פאַרשעמט;

פאַר'יתומ'טע גאַניקס און בריקלעך,
דערוואָרגן-פאַרשטיקטער געשריי,
אין האַרבסטן אין זיבן פאַרוויקלט
ערדן, צעאַקערט דורך ווײ;

*) וואַסער-רינעס אין מיטל-אַזיע.

היימווי

ניטאָ מײַן צעפּרילינגטער קינד מער,
צעחרוב׳ט מײַן יום־טובֿ׳דיק היים —
איז טאָפּ איך אויף וועגן אַ בלינדער,
איז שפּאַן איך דורך וועלטן אַליין.

איז גוט נאָך, וואָס זשאַווער פֿון יאָרן
צעפֿרעסן ניט האָט מײַן געמיט;
איז גוט נאָך, וואָס שנאה און צאָרן
מײַן אויסגעצערטן גוף עס בריט;

איז גוט, וואָס עס צאַפּלט נאָך האַרץ מיר,
און ס׳פּרייט נאָך צעקנאָספּעטער גרין —
וואָס „מנא, מנא תקל ופרסין"
עס צייכנט דער פּרילינג־באַגין!

טאַשקענט, מערץ, 1944

IV

היים

פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, בין איך דיר מוחל, פוילן 83
1. ווו אַהינטאָן בענקשאַפט 84
2. אויב אומקומען באַשערט מיר 85
3. מיט זיך אַליין אין ווייטער פרעמד 87
4. היימלאַנד מיין צע׳חרוב׳ט 90
5. דאָס געוויין 91
6. ניט רייד מיר פון היים 92
7. מיט אויגן אָפענע 93
8. ניטאָ אַזאַ וואָרט 95
9. ניט וואונדער זיך, פריינט 96
10. אין שלאָפלאָזע נעכט 97
11. יאָ, יאָ 98
12. היימשטאָט מיין 100
13. שפאַרט אַרויס דאָס האַרץ פון ברעגעס 101
14. כ׳קוש דיינע שטיינער, ביאַליסטאָק 102
15. איך הער דעם יובל-שריי 103
16. מאַטאָרן-ברום אַף הימלען דיינע, וואַרשע 104
17. פאַרשלינג מיך ווייט 105
18. פון דרום, פון צפון 107
19. געזען מיין טאַטן היינט אין חלום 108
20. שפּראַך 110
21. אַליין 112
22. אַ יידישער דיכטער 113
23. אָ, פאָלק מיין 114

פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, בין איך דיר מוחל, פוילן!

פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, בין איך דיר מוחל, פוילן,
היימלאַנד מיין, היימלאַנד, פאַרקאָוועטע אין קלעם;
דיך שטראָפן איצט — ווער קאָן עס ביי זיך פועל'ן,
ווען דו — אַזוי דערנידעריקט, פאַרשעמט!

אַלע טענות מיינע פון די צוואַנציק יאָרן
ניט דערמאָן, חלילה, איך אין בייזער שעה,
ביסט, פוילן, איצט אַ קינד אַ ניי-געבאָרן,
און הימלען דיינע, ווי די אומשולד, בלאָ!

כ'בין אַלץ דיר מוחל, היימלאַנד שווער-געטראָפן,
פון גאַנצן האַרצן בין איך איצטער דיין —
דיין וויי-געשריי, דיין בענקעניש און האָפן,
איעדעס ערלעך האַרץ פילט-אָן מיט זאָרג און פיין!

איך גלויב, איך אַן, גאולה שעה זיך נענטערט,
אַ פריי דו ווערסט — פאַר אַלע גלייך — מיצקעוויטש-לאַנד;
מיט עקל וואַרפסט אַראָפּ פון זיך די פענטעס
וואָס דורות דיך געשטעמפּלט מיט פאַרקנעכטונגס-שאַנד!

פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, בין איך דיר מוחל, פוילן,
היימלאַנד מיין, היימלאַנד,פאַרקאָוועטע אין קלעם;
דיך שטראָפן איצט — ווער קאָן עס ביי זיך פועל'ן,
ווען דו אַזוי געפאַלן ביסט, פאַרשעמט!

פּרזשעוואַלסק, סעפּטעמבער, 1941

1

ווּ אַהינטאָן בענקשאַפֿט,
וואָס פֿרעסט און פֿרעסט געבליטער?
ווּ אַהינטאָן אומעט,
וואָס דריקט און שטיקט געמיטער?

ווי פֿאַרווישן ווייטן,
וואָס טיילן דיך פֿון נאָענטסטע?
ווי דערדריקן היימוויי,
וואָס מאָנט רק און דערמאָנט דיר?

אָ, בערג מיט שניי באַדעקטע,
וואָס רינגלען אום מיין היים איצט —
זאַפּט-איין מיין שטורעם-בענקשאַפֿט,
מיין ניט-געשטילטן היימוויי!

אָ, פֿויגל אויפֿן באַרג-שפּיץ,
מיט קאַרק געווענדט צו כינע —
אַ בריוועלע טראָג-איבער
אין פּוילן דער מדינה!

דערפֿריי, דערמונטער, ליבסטע,
טייערסטע און בעסטע —
עס קומט דער טאָג, עס נענטערט
סוף פֿון „בלאָנדער בעסטיע"!

(פּרזשעוואַלסק (אויפֿן גרענעץ מיט כינע)
5 סעפּטעמבער, 1941

2

אויב אומקומען באַשערט מיר, פריינט —
איך קום פון בענקשאַפט אום,
נאָך היימלאַנד, היים,
ווו איטלעך גערסל ליב און יעדער שטיין;
ווו נאָנט דיר
אפילו האָריזאָנט דיר,
און אין הארץ,
נאָך איינגעקלעמט פול וויי,
סוף־יוניקער זון־פאַרגיי
אַף היימיש ברוק!

כאָטש נאָך איין קוק
אַף היימיש געסל,
ווו יוגנט־רייץ פאַרקנאָטן,
ווו אין בלוטן היים־צעזאָטן,
איז ס׳לעבן אויפגעגאַנגען,
אויפגעגאַן געזאַנגען
וועגן פרייהייט, גלייכקייט, גליק!

כאָטש נאָך איין בליק
אַף בליקן קינדס;
כאָטש איין מאָל נאָך
אַף קבר־אָבות זיין
ביי טאַטע־מאַמע פרומע;
פאַרגעלבטע אותיות זען
אַף שטיינער אויסגעקרימטע, שטומע! . . .

— — — — — — — — — — — — — —

הײמװײ

ס'װיל גלױבן זיך
עס לעבט מײַן קינד
און ס'האָט אַ מאַמע,
און מצבות טאַטע־מאַמישע
צו הימלען תּפֿילה'דיק פֿאַרהױבן זיך;
ס'װיל גלױבן זיך,
ס'װיל גלױבן זיך,
און לעבן װילט זיך גראָד אַזױ,
און ליבן װילט זיך נאָך אַזױ!
נאָר ס'עקבערט טרױער דיר אין האַרץ,
און ס'בױערט אַנגסט
און װי אַ ליכטל אױפֿן װינט
דו צאַנקסט,
צאַנקסט...

— אױב אומקומען באַשערט מיר, פֿרײַנט
פֿון הײמװײ קום איך אום.

טאַשקענט, יוני, 1942

3

מיט זיך אַליין אין ווייטער פרעמד,
אָן פריינט, אָן נאָנטע —
ווי בענקט זיך היים נאָך לייבלעך היים,
נאָך היימיש יום־טוב!

נאָך טאַטע־מאַמע פּאַרכטיקע,
צוגערוימטע אַלקערס,
נאָך יום־טוב׳דיקע געסעלעך,
דאַוונענדיקע באַלקנס!

און ווען יום־טוב־שעה שלאָגט־אויס
אין ווייטן גרויע,
קלאַפּט האַרץ צעטומלט אָן
אין זכרונות בלויע...

...היים, יום־טוב אַפן שוועל שוין,
שויבן בלאַנקע צאַפּלען,
אויסגעצוואָגן, אויסגעפּוצטע
קינדער פריידיק פּלאַפּלען;

שטילע פּאַרכטיקייט גייט־אויף
פון מאַמעס בליקן צאַרטע,
אַלע ווינקלען טוען פינקלען
אין יום־טוב׳דיק דערוואַרטונג;

היימווײ

פון קיך אַרויס קיצלען ריחות
זאַפטיקע, געשמאַקע;
אַלץ איז דאָרט פאַרנומען
מיט קאָכן און מיט באַקן;

מאַמעשי גרייט גרעט צו
פאַר טאַטעשי צום מרחץ,
און דאָס קליינוואַרג קוקט זיך צו
מיט שטילן דרך־ארץ . . .

— — — — — — — —

— — — — — — — —

ווו זענט איר איצטער, משה׳לעך, שלמה׳לעך,
יום־טוב׳דיק צעשטראַלטע?
ווו זענט איר טאַטע־מאַמעס האַרציקע,
בכבוד׳יקע, אַלטע?

אַף געמיטער דריקט אייך
ענגער געטאָ־מויער,
אויגן אויסגעטריקנטע
פון צער און פון טרויער;

ניט איר ווייסט פון יום־טוב,
ניט פון אינדערוואָכן;
טאָג און נאַכט אין פּחד,
קוים נשמות פאָכן.

מענדל גאָלדמאַן

טאָג און נאַכט צעקלעמטע,
באַליידיקט און געפּייניקט —
און שונא בלוטיק הוליעט
מיט סאַדיסטיש תענוג!

אָבער ניט געדאגה׳ט,
אָבער ניט געקלעמט זיך,
ברודער מיין אין געטאָ,
שוועסטער מיין פאַרשעמטע!

שלעכטס פאַרגיין וועט, מיידן,
שעה פון זיג שוין נאָנט איז —
„אויך אין אונדזער געסל
זיין וועט יום־טוב!״

טאַשקענט, 1942

4

הימלאַנד מיין צעחרוב׳ט,
הימלאַנד מיין פאַרטרויערט —
כ׳זע דיך אַ בליענדיקס,
זע דיך אַן אויפגעריכטס!

דיינע פעלדער, וועלדער,
לאָנקעס, סעדער
מיט בלוטן אָנגעזאַפּטע —
צעכוואַליען זיך, צעפּלייצן
מיט בלומען און גרינסן,
מיט קאָרן און ווייצנס!

דיינע קלייטן, דיינע מערק,
פאַבריקן, זאַוואָדן —
מיט כל הגוטס איבערלאָדן!

און פרייד פאַראַן אַ שפע,
און ראַש זיך בויען שטעט,
און ווערסט אַ מענטש ניט טרעפן,
וואָס האָט ניט ברויט צו זעט!

הימלאַנד מיין צעשטערט,
הימלאַנד מיין באַגערט —
כ׳זע דיך אַ שטראַלנדיקס,
זע דיך אַ קוואַלנדיקס!

פּרושעוואָלסק, סעפּטעמבער, 1941

5

דאָס געוויין,
וואָס קוואַלט-אויף אין שלאָפלאָזע נעכט;
די בענקשאַפט,
וואָס פּראַלט-אויף אין איינזאַמע טעג —
ווער קאָן צאַמען?

אַז גרויס איז דער ווײ און ריזיק דער בראָך —
מײַן הײמלאַנד אין קלעם פון פײַנטלעכן יאָך!
האַרט טרעט דאָרט שטיוול אָף וועג און אָף שטעג,
דעפּטשעט נשמות און בלוטיקט ס׳געמיט;
נאָר פון געסלעך און הײזקעס, פּאַרדאַרט און פאַרצאַרט,
אַרויס זיך רײַסט, אַרויסשפּאַרט באַפרײַעריש ליד,
פול אָנזאָג, פול שטורעם, פול דראַנג און פול ברויז,
און האָפענונג אַרײַנגעבראַכט אין איעדער הויז!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר שווער דערווײַל אין זיך שטיקן
ס׳געוויין,
וואָס קוואַלט-אויף אין שלאָפלאָזע נעכט,
ס׳בענקשאַפט,
וואָס פּראַלט-אויף אין איינזאַמע טעג!

פרונזע, יאַנואַר, 1942

6

ניט רייד מיר פון היים,
ניט רייד מיר פון נאָנטסטע —
אַלץ ווייטיקט און נאָגט
דערפון ווען דערמאָנסט מיך!

ניט רייד מיר פון היים,
ניט ריים־אויף די וואונדן —
אַ העלישער גלי
אין האַרץ ווערט צעצונדן!

ניט רייד מיר פון היים,
דערמאָן ניט פון היימלאַנד —
אין חורבות ליגט היים,
און היימלאַנד איז ווײַלאַנד!

פרונזע, 5 מערץ, 1942

7

מיט אויגן אָפענע
אַף געלעגער דאַרן —
און שרעק און האָפענונג
אין מיין בליק דעם שטאַרן ;

דורך נאַכט געפאַנגען איז
מיין פאַרחלומ׳ט געסל —
„נאַכט פון מעסער לאַנגן",
פון „הייליקן" האָרסט וועסל ;

קלאַפּט ווינט צעשראָקענער
איבער טיר און טויער,
זאָגט יונג און זקן אָן :
ברוינער שונא לויערט !

מיט אויגן אָפענע
אָנגעשפּיזט אין וויטן —
כ׳זע פיינט אַנטלאָפענעם
און לאַנד מיין אַ באַפרייטע ;

רינט פרייד צעכוואַליעטע
איבער טיר און טויער,
און וועלט צעשטראַליקטע —
אויסגעטאָן פון טרויער ;

היימווײ

ס׳האָט לאַנגע מעסער-נאַכט
פֿרײַהײט-טאָג פֿאַרטױשט שױן —
אין הײמיש געסל מײַן
לעבן זײַנגט באַרױשטער! . . .

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

מיט אױגן אָפֿענע
אַף געלעגער דאַרן —
און שרעק און האָפֿענונג
אױגן אַזש צעשפּאַרן!

טאַשקענט, מאַי, 1943

8

ניטאָ אַזאַ וואָרט,
וואָס באַצייכנט מיין בענקשאַפט,
ניטאָ אַזאַ בילד
וואָס געשטאַלטיקט מיין וויי —

און וויפל דו זאָלסט ניט
בענקשאַפטן שטילן,
אַלץ שאַרפער און שניידיקער
וויטיקן זיי.

ניטאָ אַזאַ אָרט,
וואָס זאָל היים דיר פאַרבייטן,
ניטאָ אַזאַ שפּרוך,
וואָס צער דיין פאַרזיסט —

ערשט איצטער פאַרשטיי איך:
„וואָס זאָל עס באַדייטן,
וואָס דו אַזוי טרויעריק ביסט!"

אַלמאַ־אַטאַ, אויגוסט, 1942

9

ניט װוּנדער זיך, פֿרײַנט,
װאָס ליד מײַן פֿול מיט טרױער,
װאָס אױסגעבלײכט מײַן אױסזען איז אַזױ —
איך פֿײַניק זיך אין בענקשאַפֿט אומגעהױער
נאָך הײמלאַנד, הײם און קינד און פֿרױ!

אַז ס'ברענט דער אומעט,
װי אַנגעגליטער אײַזן,
אַז כ'גײ פֿון בענקשאַפֿט אײַן,
װי אין װאַסער — זאַלץ;
אַז כ'שעם פֿאַר לײַטן זיך
די טרױער־אױגן װײַזן,
און ניט ניחא — אַלע מיר און אַלץ!

אַז גאַנצע, לאַנגע נעכט
הערט גריל ניט אױף צו גרילן,
אַז יאָרן שױן אין הײמלאַנד מײַן
טוט שונא הפֿקר בילן;

אַז נאַכט אין נאַכט אױף דײַן געלעגער
זעסט הײם צעװײקט פֿון טרערן;
אַז טעג צעקנײטשט, צעטריקנט,
נאָך טיפֿער רונצלען דײַן צעאַקערט שטערן —

איז װי זאָל בענקשאַפֿט ניט עקבערן
טעג מײַנע צעקלעמטע?
װי זאָל אומעט ניט גריזשען
נעכט מײַנע פֿאַרשעמטע?

פֿרונזע, יולי, 1942

10

אין שלאָפלאָזע נעכט,
אַף געלעגער אַליין,
דערשפירסט אָפט אַף קישן אַ זודיקע טרער —
דאָס וויינט אין דיר היים,
וואו אין געהיים,
אונטער בלוט-צעווייקטער ערד,
ביילט זיך פויסט,
שאַרפט זיך שווערד;

קלאַפּט אומרואיק האַרץ
אין שלאָפלאָזע נעכט,
פול פּחד פאַר אויסגאַנג
פון וועלטן-געפעכט.

ספּיקות גריזשען ס'געמיט:
און טאָמער, חלילה, אומרעכט זיגט?
בלוטדורשטיק ליד:
„נאַכט פון לאַנגן מעסער"?
איז גלייכער שוין, איז בעסער,
ניט דערלעבן יענעם טאָג,
יענעם שוואַרצן חורבן-טאָג!...

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

אין שלאָפלאָזע נעכט,
אַף געלעגער אַליין,
זיך וויינט אַזוי אָפט —
און אַלץ אין דיר
בענקט און האָפט.

פרונזע, פעברואַר, 1942

11

אידאַ קאַמינסקאַ — מיט ליבשאַפט געווידמעט

יאָ, יאָ!
איך לעב! איך לעב!
ניט געקוקט אַף אַלץ,
ניט געקוקט אַף גאָרניט,
כאָטש וויפל מאָל דאָס וואַסער
דערגאַנגען שוין צום האַלדז,
כאָטש וויפל מאָל דער וועג מיר
פאַרצאַמט געווען — „מען טאָר ניט!"

כאָטש אָן אַ דאַך און אָן אַ היים,
כאָטש אַלץ אין דיר איז אויסגעבענקט,
אַלץ אַף דיר איז אויפגעשענקט,
צעפייניקט דאָס געמיט, צעקלעמט,
און גלידער טוליען זיך פאַרשעמט —
ניט געקוקט אַף אַלץ,
ניט געקוקט אַף גאָרניט,
לעב איך, לעב איך, לעב איך
מיט פולבלוטיק לעבן-שטורעם,
און פולמוטיק שפּין איך, וועב איך
טרוימען פון אַ בבל-טורעם!

איך לעב און ליב און פיל און צאַפּל,
מיט פולע ברוסטן כ'אָטעם לופט,
צו וועלטן ליכטיקע
אַף לייטער: האָפענונג איך דראַפּע
און האָרך —

מענדל גאָלדמאַן

אַ שטים עס רופט:
עס לוינט, עס לוינט
דיין מי און מאַטער,
אָפּגעצאָלט וועט זיין דיין לייד —
מיט היים, מיט יום־טוב׳דיקער, זאַטער,
באַלוינט זיין וועט דיין פּיינלעכער צעשייד!

פרונזע, מערץ, 1942

12

היימשטאָט מיין,
ווי נאָענט ביסטו מיר פון ווייטן,
צען טויזנט מייל עס טיילט מיר אָפּ פון דיר;
נאַכט און נאַכט אין חלום
איך זע דיך אַ באַפרייטע,
כ׳בענק נאָך דיר, איך גלויב אין דיר!

כ׳גלויב אין אימפּעט דיינעם, וואָס וווּנדער האָט געשאַפן
(פון שמאַטעס ביינווּעלנע — „עכטע" „ריינע" וואָל...)
אין דיין אַרבעט־פאָלק, וואָס — ניט ווי שקלאַפן —
געשטרייקט האָט חדשים׳ווייז צומאָל!

כ׳גלויב
פאַבריק־סירענעס ווידער וועלן וואָיען
יעדן מאָרגן, פּונקט זיבן אינדערפרי,
און דיינע הימלען, ביאַליסטאָק, צעבלויען
מיט ניט־געצוימיקטן פאַנאַנדערבלי!

איסיק־קול (אויפן וועג צו פּרושעוואַלסק)

אויגוסט, 1941

13

שפּאַרט אַרויס דאָס האַרץ פון ברעגעס,
רייסט זיך, טייערע, צו דיר —
אין אַזעלכע גליקן־רגע׳ס
וויל עס קלאַפּן נאָנט פון דיר!

ס׳האָט געגנוג זיך אויסגעפּייניקט
אין דער מײַלנווײַטער ווײַט —
אָט־די שעה פון זיסן תענוג,
וויל עס טײַלן בײַ דײַן זײַט!

נו, באַרויק זיך זשע, האַרץ מײַנס,
נו, ניט צאַפּל ווילד אַזוי —
נאָך אַביסל און ס׳דערוואַרט דיך
דײַן געליבטערס אויגן־בלוי!

טאַשקענט, 1944 (נאָכן פאַרנעמען ביאַליסטאָק)

14

כ׳קוש דיינע שטיינער, ביאַליסטאָק,
היימשטאָט מיין געגאַרטע —
פון וויסטער ווייט געבענקט נאָך דיר
אין פיינלעכער דערוואַרטונג!

יאָרנלאַנג געשיידט פון דיר —
פאַרהאַלטן דיך אין אָטעם,
געגלויבט אין דיר, געגאַרט נאָך דיר,
מיט בלוטן היים-צעזאָטן!

און מעגסטו זיין איצט חרוב, פּוסט,
געשענדעטע, צעשטערטע —
אַלצאיינס מיר ליב, צו דיר מיין גלוסט,
מיין האַרץ, מיין האַרץ געהערט דיך!

כ׳קוש דיינע שטיינער, ביאַליסטאָק,
און דיין ערד כ׳טו בענטשן —
פרידן דיר, היימשטאָט מיין,
און אַלע דיינע מענטשן!

טאַשקענט, 28 יולי, 1944

15

איך הער דעם יובל־שריי פון דיינע גאַסן, וואַרשע,
האָרך יאָמער־זיפץ פון דיין צעפּייניקט גוף,
זע זעלנער פּוילישן אין זיגערישע מאַרשן,
אַנטקעגנשפּרייזן דיין צעשטראַלטן יובל־רוף!

כ׳הער פרייד־געברום פון ווייסלדיקע קריעס,
(גערירט דאָס אייז האָט אונטער האַרצן־היץ)
פון צענער טויזנטער אומשולדיקע תּליות,
אַראָפּפּלאַטערן בליקן זיג־צעבליצט;

באַגלייטן טאַנקען זיי, פול דאַנק און בענטשונג,
אַרמייען ברידערישע היים־באַגריסט —
נקמה פאַר מאַרשאַלקאָווסקאַ, נאַלעווקעס און גענשע,
פאַר היים, פאַר לאַנד, פאַר מענטש — געשענדט, פאַרוויסט!

טאַשקענט, יאַנואַר, 1945

16

מאָטאָרן־ברום אַף הימלען דיינע, וואַרשע,
דערמאָנט סעפּטעמבער־טעג, ניינצן דרייסיק ניין —
געוואָלט האָט שונא דיך אַף אייביק ירש'ען,
דאָס לעבן דיר פאַר'סמ'ען און דאָס ז י י ן ;

דיין מוט און גייסט, דיין ווילן, ווערדע ברעכן,
און שווער־געפּרוווטער גורל דיין ז'געשטאַן אין קאָן —
נאָר אויסגעזופּט האָסטו ביז דנאָ דעם בעכער
און אַף ראַטהויז פלאַטערט איצט אַפסניי דיין פאָן!

טאַשקענט, יאַנואַר, 1945

17

פֿאַרשלינג מיך ווייט,
פֿאַרטרינק מיך בלאָ —
אַהיים, אַהיים
אין אַ גוטער שעה!

ס'איז וויסט מיין לאַנד און לער מיין היים,
און כ'ווייס, איך ווייס: איך בין אַליין;
קיין גואל ניט, קיין קרוב ניט,
אַלץ אָפּגעווישט און חרוב איז,
בלינד אויסגעוואָרצלט, אָפּגעמעקט,
פֿאַרשניטן, אויסגעברענט ביז גרונט.
און טיף דער ווי און ס'בריט די ווונד.

געשענדט מיין שפּראַך, מיין פֿאָלק, מיין גאָט,
פֿאַר'יתום'ט לאַנד, פֿאַרשטומט מיין שטאָט,
פֿאַרלוירן אַלץ דאָרט, וואָס פֿאַרמאָגט —
און פֿאָרט און פֿאָרט אַהיים עס לאָקט!

ווייל דאָרט געשטאַנען איז מיין וויג,
וווּ ראָז געוויגט זיך האָט מיין גליק,
דאָרט „ראָזשינקעס און מאַנדלען"-ליד
מיין קינדיש הערצל האָט געבריט;

מיין מאַמע און מיין טאַטע דאָרט
עס רוען אָפּן הייליק אָרט;
דאָס בלוט פֿון קינד מיינעם דאָרט זידט
און בריט די שורות פֿון מיין ליד;

היימוויי

אין אַלץ אין מיר זיך ציט אַהין! —
פונסניי אַלץ בוי און וועב און שפּין,
און שטיל דיין וויי און קיל דיין פּיין,
אַפּסניי, אַפּסניי זיך ביים אַריין

אין עלטער-עלטער-זיידנס ערד,
און אפשר — אפשר דיר באַשערט
און ווידער זיך דיין זון צעהעלט,
און שפּע אין דיין צעלט און פעלד,
און ווי אַף ברעג פון ים דאָס זאַמד —
דו מערסט און פרוכפּערסט זיך אין לאַנד! . . .
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אַהיים,
אַהיים,
אין אַ גוטער שעה —
פאַרשלינג מיך, ווייט,
פאַרטרינק מיך, בלאָ!

טאַשקענט, 1945

18

פון דרום,
פון צפון,
פון דאָרט און פון דאַנען —
פול גלויבן,
פול האָפן
מיר גייען, מיר שפּאַנען
צו אונדזערע היימען,
חרובע היימען!

אַפּסניי זיי צו בויען,
אַפּסניי זיי פאַרטרויען
דאָס לעבן,
דאָס שטרעבן
צו שיינקייט,
צו גליק!

אַפּסניי זיי באַגערן,
אַפּסניי זיי געהערן —
מיר שווערן,
מיר שווערן,
קיין טריט ניט צוריק,
קיין טריט ניט צוריק!

טאַשקענט, 1945

19

געזען מיין טאַטן היינט אין חלום,
אַ סאַמעט־ווייכן שמייכל ט׳ער געהאַט;
אָפּגעגעבן מיר אַ ברייטן „שלום״,
דאָס ערשטע מיך געפרעגט, צי בין איך זאַט;

„ווי לעבט זיך דיר? ווי גייט עס?
ווי שטופּסטו דורך די בייזע, גרויע טעג?
אַליין, אין איינזאַמקייט, פון היים געשיידטער —
ווי שפּרייזט זיך עס אויף הארטן, הארבן וועג?״

„איך ווייס — זאָגט ער — דיין דאָליע שווער און ביטער,
איך שפּיר דיין אָנגעלאָדן האַרץ,
דעם בייז־צעשטורעמטן געוויטער,
וואָס פאַרנעמט זיך אויף געמיט דיין וואָלקן־שוואַרץ!

„איך ווייס, איך ווייס, וואָס אַלצדינג האָט געטראָפן,
נשמות כשר־ריינע וויפל אומגעברענגט —
ניין, ניין, ניט שוינען וועט עס גאָט — וועט שטראָפן!
אַ טראָפּן בלוט ניט ווערן וועט געשענקט!

„אַלצדינג ווערט פאַרשריבן און געחתמ׳עט,
ס׳וועט צענטער דור נאָך אָפּקומען זיין שטראָף
פאַר בריסט צעשניטענע, פאַר לייב צעפּאַסעט,
פאַר שעכטן קינדער — אומשולדיקע שאָף!״

אויפגעפלאַמטע גליען טאַטנס בליקן,
שטום־צעצונדענע, נקמה־פייער פול —

מענדל גאָלדמאַן

טרערן זודיקע אין קעל מיך שטיקן,
ווי ייִנגלווייז, אונטער טאַטנס טלית אין שול.

האָב איך טאַטן ליב אַרומגענומען
— ווי קיינמאָל ניט ביים לעבן עס געשען —
היים אַזוי באַדאַנקט אים פֿאַר זיין קומען,
פֿאַר זיין טרייסטן מיך מיט נבֿואה־ברען,

און פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר אַלע עוולות
און פֿאַר צער, וואָס טאַטן ווען פֿאַרשאַפֿט —
אַפֿילו פֿאַר ניט קדיש־זאָגן און ניט דאַוונען
(דער טאַטע קוקט מיך אָן און גאַפֿט);

און מילד אין באָרד האָט ער אַריינגעשמייכלט,
צאַרט אַ גלעט געטאָן פֿאַרטרערטן קינד:
„זון מיינער, כ׳בין אַלץ דיר, אַלץ היינט מוחל,
האָסט בלוטיק אויסגעקויפֿט שוין אַלע דיינע זינד!

ווי ניי־געבוירענער ביסט ריין איצט,
ווי ערשטלינג־שנייעלע איז דיין געוויסן קלאָר —
איז מוטיק זיך, מיין קינד, ניט וויין איצט
און האָפֿערדיק אַנטקעגנשפּרייז פֿאַרבלוטיקטן קאַיאָר!"

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

צו באַגין־צו נאַכט־שאָטנס צערונען,
אויסגעלייטערט ס׳האַרץ און גרינגער דאָס געמיט —
כ׳האָב אַ טאַטן, אַ טאַטן אָפּגעפֿונען —
און ווידער בין איך קינד, און ווידער — ייִד.

טאַשקענט, פֿעברואַר, 1944

20

שפּראַך
פון לוי יצחק מבאַרדיטשעוו,
פון לייוויק מניו־יאָרק,
פון צניעות׳דיקע מאַמעס,
אויסגע׳מוח׳ט זאָרג !

שפּראַך
פון מאַסע
אָנגעצאָרנט־שטומע,
— יידיש
בלוטיקסט, ווי דיין ראַסע,
געלעסטערט, ווי דיין אומה !

— ! טאַטע
דיין חצות־פּראַווען
אין חשוון־נעכט קוטשעראַווע,
דיין פאַרמעטענער גמרא־ניגון
וועט מער שוין מער מיך ניט פאַרוויגן ;

— די תפילין־רצועות
דיין תליה געוואָרן . . .
יתגדל ויתקדש
פאַר אויסגעלערטן אָרון !

— ! מאַמע
ניט מער זיך פאַרדווייקען
אין פרייטיק־צו־נאַכטיקן בלענד
דיינע דורכזיכטיקע, פרומע הענט !

מענדל גאָלדמאַן

— דיינע כשר׳ע לעפצן
ניט טוען מער שעפּטשען,
ניט טוען מער דאַנקען
דעם גאָט פון אברהם,
פון יצחק ויעקב!

קינד:
דיין וויגל וויגט צעהוליעט ווינט...
פאַרשטומט דאָס מעשה׳לע פון „ראָזשינקעס
און מאַנדלען"...
געשאָכטן אַ ציגעלע אַ ווייסע...
אַי, ליו, ליו,
אַי, ליו, ליו —
מאַך די טויטע אויגלעך צו!...

טאַשקענט, פעברואַר, 1943

21

אליין —
אין נעכט אין לאַנגע, אויסגעדאַרטע,
חלומען פון נעכט פול יוגנט־גלי;

אליין —
אָן האָפענונגען אַף דערוואַרטונג,
אויסגעבענקט נאָך טעג פול האָפענונג און בלי;

אליין —
אַף אויסגעפייניקטן געלעגער,
תפילה טאָן פאַר אָפגרונטן פון בייזע נעכט;
אַליין דער ענטפערער, אַליין דער פרעגער,
אַליין זיך מוסר׳ן, געבן זיך גערעכט;

אַליין —
טו שפאַנען אַף פעלדער פון מפלה

אַליין —
אַראָפּשלינג נצחונ׳דיקן בים;

אַליין —
זיך צוקוקן, ווי אַ פאָלק גייט כלה —
און
אַנטבלויזטער נאָך נשמה־רים!

אַלמאַ־אַטאַ, 1942

22

משה בראָדערזאָנען — געווידמעט

אַ יידישער דיכטער אין רוסישע טיפֿן,
סאַראַטאָווער געגנט, אַ פּויעריש הויז —

צעמורשט מיטאַמאָל דיינע אַלע באַגריפֿן,
און אויסגעפּילט ווערט דיר אַ דורות׳דיק בלויז . . .

עס ווייזן זיך כאַטעס מיט שטרויענע דעכער,
נשמות און הערצער מיט וואַרימקייט פֿול,
פֿון נידער מען שטייגט דאָ אַלץ העכער און העכער
(ניטאָ דאָ קיין קלויסטער, ניטאָ דאָ קיין שול...)!

מען טראָגט דיר אַנטקעגן אַ שלום אַ ברייטן,
נאָכוואָס און פֿונוואַנען? דיך קיינער ניט פֿרעגט,
און פֿאַלט־צו די נאַכט, אַ געלעגער איז גרייט דיר:
„גיי, כאַווערל, לייג זיך, רו אויס זיך פֿון וועג!"

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

פֿאַרוואָרפֿענע ווייטן — נאָר אַלץ אַזוי נאָענט דיר,
ווי וואָלסט דאָ אַ תושב געווען שוין פֿון לאַנג;
דיין ליבע דיין וואַרימע היים עס דערמאָנט דיר —
באַפֿאַלט אַזאַ בענקשאַפֿט דיר, ווערט אַזוי באַנג!

יולי, 1941

23

אַ, פֿאָלק מײַן, פֿאָלק, אַף שײַטערהױפֿנס אױסגעפּרוּװטער,
פֿון דורי־דורות באַלײדיקט און גע׳רודפֿ׳ט —
צו דיר, מײַן פֿאָלק, טראָגט גליענדיקער רוף זיך,
אַף כװאַליעס שטורמישע צעהױדעט;

אַף כװאַליעס שטורמישע פֿון װעלטן־פֿלאַקער,
אַריבער קבֿרים פֿון צע׳ממית׳טע טאַטע־מאַמעס;
אַריבער פֿעלדער װיסטע, דורך העלדן־טױטן אױפֿגעאַקערט —
זיך טראָגט מײַן טרײסט־װאָרט דיך, באַפֿליגלט
און צעפֿלאַמיקט!

װי פֿינצטער־שטאָק שײַנט מזל דײַן, װי אײטערדיק
דײַן בראָך איז,
נבֿיאיש־אומגליקלעכע, דורות׳דיק צעשטויבטע ראַסע —
דײַנע זין און טעכטער, װי אָקסן אין דער סאָכע,
שלעפּן טריט פֿאַרבלוטיקטע אונטער הויערדיקער גורל־משא!

אַ, ברודער מײַן אין ליטע, שװעסטער מײַן אין פּױלן,
פֿאַרשפּאַרט אַהינטער געטאָ־קראַטן, װי די חיות בײזע,
ניט לאַנג שוין לאַנג אין צער איר װעט זיך קנױלן,
גיך שלאָגט די שעה פֿון װעלט און מענטש־דערלײזונג!

מיט פֿרײדן־טריט עס שפּרײזט, עס נענטערט זיך די ענד שוין
פֿון װעלט־צע׳חרובֿ׳טקײט און מענטש־דערנידער,
עס מערן זיך די שפּאַלטן אין יריחו־װענט שוין,
אונטער טראָמפּײטן־שאַל פֿון זיגערישע לידער.

מענדל גאָלדמאַן

צעקלעמטע טאַטע־מאַמעס אין חורבֿע, אין גאָרע וועלטן,
פֿאַרשעמטע ברידער־שוועסטער מיינע, ווו איר זאָלט ניט זיין —
עס גייט פֿון מזרח אויף פֿאַר אייך זוניקייט צעהעלטע,
און גרייט פֿונאייערטווענן — אַ היים, אַ דאַך, אַ זיין!

אָ פֿאָלק, מיין פֿאָלק, אַף שייטערהויפֿנס אויסגעפּרוווטער,
פֿון דורי־דורות באַליידיקט און געדרודפּ׳ט —
צו דיר, מיין פֿאָלק, טראָגט גליענדיקער רוף זיך,
אַף כוואַליעס שטורמישע צעהוידעט!

טאַשקענט, יאַנואַר, 1943

V

היים און היימלאַנד מיר באַגלייך

(פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע)

היים מיין,
— אוזבעקיסטאַן!

אַ שטיפמאַמע געווען מיר פריציש פוילן,
אַ שטיפקינד דאָרט געוואַקסן וויסט;
קיינעם ניט געקימערט האָט מיין פוילן
צווישן דלות׳דיקן מיסט;

גוף מיין הפקר׳דיק געווען,
נשמה — אויסגעשטעלט פאַר גלייכגילטיקן דרויסן,
אַ זידלוואָרט מיין נאָמען —
אַ שרעקמיטל פאַר קליינוואַרג,
אַ שפּילבאַלעם פאַר גרויסע!...

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

געבושעוועט אַרום האָט שנאה אַן אַ זינען,
געפלאַקערט העל און העלער אין קלויסטער און אין גאַס;
גערעכטיקייט? — ניט געמאָלט געווען אַזוינס אין
„היימלאַנד״ מיין געפינען
איעדער שטיין און ברוק דאָרט — געצישעט ווילד מיט האַס!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס גליט נאָך היים אין הערצער פיין פון אַלע פשיטיקס,
ניט פאַרטריקנט ס׳בלוט נאָך אויף פינסקער קלויסטער ־וואַנט *)

*) אין 1919 האָט די פּילסודסקי־רעגירונג דערשאָסן אין פּינסק, ביי דער קלויסטער־וואַנט, עטלעכע צענדליק נאַציאָנאַל־געשטימטע יידן אונטערן חשד פון קאָמוניזם.

און פון צדיקים־לייבער, געקאַטעוועט אין קאַרטוז־בערעזעם —
עד־היום סווישטשעט בייז אין לופט די שמיצן־שאַנד!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטאָל און אייזן, ברויט און קוילן —
אַלץ פאַרמאָגט האָסט פוילן,
בלויז פעלקער־פריינטשאַפט אויסגעפעלט אין דיין פאַרמעג —
און ווי אַ קאַרטן־שטיבל זיך צעפאַלסט
אין די סעפטעמבער־טעג!

ניט קיינער שולדיק אין דיין בראָך איז, פוילן,
אַליין אַף זיך די האַק פאַרהויבן, אַליין אַראָפּגעלאָזט
די קלעפּ —
ביסט אָפּ מיט בלוט פאַר די יסורים'דיקע גרוילן,
וואָס צוואַנציק יאָר געהאָגלט איבער דיינע פעלקערס קעפּ **)...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַף ראַנד פון אומקום שוין געוועסט געוועזן,
פאַרלאָרן שוין דאָס מענטשלעכע געשטאַלט,
— די לעצטע זייטלעך אין ספר פון מיין זיין דערלעזן
אין ספר פון זיין, פון פיין און פון געוואַלט!

באַצירט מיין פלייצע האָט אַ געלע לאַטע,
גייסטיק געטאָ געוועזן איז מיין היים,
געבליקט אַף וועלטן דורך געדיכטע קראַטן,
אינגאַנצן אויסגעשטעלט אַף זיך אַליין.

**) 1919—1939.

אַלץ אָפּגעווישט און אַלעמען פאַרלאָרן,
ס׳טייערסט־הייליקסטע פאַר מיר געשענדט —
האָט לעבן מיין, אַן אויסגעהוילטער דאָרן,
די לעצטע רגע׳ס שוין געוועסט דערברענט;

האַלאָוועשקעס בלויז דערטליעט האָבן
אין אַרומיק־חושך׳דיקן שוואַרץ,
און מחשבות׳ן ווי שוואַרצע ראָבן,
געעקבערט האָבן ס׳אויסגעפייניקט האַרץ:

— צי וועלן נאָך אויפלעבן די טרוקענע ביינער,
צי וועט נאָך אַ תיקון געפינען מיין גייסט,
אָדער באַשערט מיר שוין צו בלייבן איינער,
איין־אַליינער, ווי אַ זכר פון אַ פאָלק אַ גרייז?...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען מיין וואָגל־עשאַלאָן געענעט
צו דיינע טויערן האָט, נאַכטיק טאַשקענט, —
האָט פון מיין האַרץ, ווי פון אַ שטייג אַ פויגל צעקלעמט,
אַרויסגעריסן זיך פאַר ליידיקע פיר ווענט:

— נאַכט אויסגעשטערנט אַף ברוקן טאַשקענטס,
זיי גוט צו אַן אורח פון אַ וויי־וויסטער פרעמדס,
פון פוילן, פון ליטע, פון רייסן ער ציט —
דער אייביקער וואַנדערער, אייביקער ייד!

ניט איינמאָל גע׳רודפ׳ט, געמאָסטן די וועלט,
פול טרוימען פון וועלטן צע׳יום־טוב׳ט, צעהעלט,

היימווייי

שטייט ווידער אצינד ער פאר טויערן פרעמד,
מיט קלומעק אף פלייצע, פאר׳יתומ׳טע הענט,

אין אויגן צעפיבערט א פייערל גליט —
דאס אייביקע פייער פון אייביקן ייד!
און ס׳האבן מחשבות׳ן, ווי שווארצע ראבן,
געבויערט, געעקבערט ס׳צעגליט געמיט:

— צי וועלן נאך אויפלעבן די טרוקענע ביינער?
צי וועט נאך א תיקון געפינען מיין גייסט?
אדער באשערט מיר שוין צו בלייבן איינער,
איין־אליינער, ווי א זכר פון א פאלק א גרייז?

צי וועל איך ווען א היים נאך געפינען,
א דאך אף קאפ, א באדן אונטער פיס?
צי וועט מיין לעבן נאך באקומען זינען
און פארצויגן ווערן וועט נשמה־ריס?...

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

אויב באשערט איז מיר זיך קוויקן
מיט זיגן־פרייד צעהעלטע,
אויב באשערט געווען דערבליקן
נקמה־טאג פון וועלטן;

אויב מיין גורל ניט אשווענטשים,
אויב מיידאנעק מיך געהיפט,
אויב איך קאן נאך שעלטן, בענטשן,
קאן נאך זיין געליבט, פארליבט;

מענדל גאָלדמאַן

אויב ביטאָג נאָך לייכט די זון מיר,
ניט גערויבט ביינאַכט מיין שלאָף,
אויב דערלעבט האָב איך דעם זומער
פערציק פינף — דעם טאָג פון שטראָף;

אויב איך שפּאַן איצט שטאָלץ און מונטער,
קאָפּ געהויבן,
גלייכער רוקן,
אָף טאַשקענטער ברוקן;
אויב מיין גוף און גייסט באַזונט איז,
און אין אויגן פינקלט גלויבן;
אויב פאַרצויגן טיפע וואונד איז
און אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, —
דיך צו דאַנקען,
דיך צו לויבן,
היים מיין —
היים און היימלאַנד מיר באַגלייך!

טאַשקענט, 1965